STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05707

MAYN BLUT IZ OYSGEMISHT

Baruch Olitzky

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ברוך אָליצקי

מיין בלוט איז אויסגעמישט

לידער און געזאַנגען

רעדאַקטירט פון לייב אָליצקי

איקוף פארלאג

ניו-יאָרק

מיר גיבן אַרויס דאָס דאָזיקע בוך פון אונדזער חבר, פריינט און בן־עיר, דעם דיכטער

ב ר ו ך אָ ל י צ ק י —

אַ שארית־הפליטה פון זיינע שאַפונגען, ווי אַ

מ צ ב ה

אויף אונדזער חרובן שטעטל טריסק און אומגעגענט (דעם 28טן אויגוסט 1942) און אויפן אומבאַקאַנטן קבר פונעם דיכטער

קולטור־קאָמיטעט פון די וואָלינער לאַנדסמאַנשאַפטן אין אַרגענטינע, בוענאָס־איירעס

281

Published by
YIDDISHER KULTURE FARBAND (YKUF)
189 Second Avenue, New York 3, N. Y.

1951

Printed in U.S.A by
Aber Press, 225 Varick St., New York 14, N. Y.

ברוך אָליצקי



פון רעכטס משה וויינשטיין (איצט אין שיקאַגע), יונה ראָזענפעלד, אַ מיידל
פון דער שול. ס׳זיצן ברוך אָליצקי און אברהם סעגאַל (אומגעקומען)

אינהאַלט:

זייט

בילדער .... 3־5

ביאָגראַפישע פאַרצייכענונג 9

מיין יעדער טראָפּן בלוט — ל. אַליצקי 14

*** 15

מיידאַנעק קומט מיר צו חלום — ל. אַליצקי 17

צו מיין ברודער — מאַטעס אַליצקי 18

מיין צוגאַנג צו דיכטונג (אַן ענטפער אויף אַן אַנקעטע) 19

דאָרף

מיין בלוט איז אויסגעמישט... 23

דאָס געזאַנג צום וואַלינער פויער 24

ווינטער אין דערפל 33

צו אַ ווייסרוסישער מיידל 35

געזאַנג צו מאַרוסיען 38

לידער 43

אין שניט 46

מיינע פשוטע שוועסטער 48

פעאָדאָסיעס טויט 50

בערטשיק גייער 53

אין געראַנגל מיט די זיידעס 55

פון מיין שטעטל 61

צו ווייניפערן 65

ביי דער דווינע 67

אַדיע! 75

ביים ניעמאַן 77

ערב־פרילינג 80

*** 82

פרילינג 83

אַ ליד אין מאַי 85

יאַנואַר 86

מערץ 87

זייט

אין אַ ליטוויש שטעטעלע	88
צו מיינע קינדער	90
נאָוואָיעלניע	91
האָט הערשע לייבצע...	93
דער קיילעכיקער קאָפּ פון עקזעקוטאָר	94
בערל דעם גלעזערס	95
צום טרעגער	97
***	99
יאַדוויגע	100
אין אַ וואַלינער וועלדל	104

שטאָט

אין שטאָט פון פּיין	117
אין וואַרשע	118
מיין פריינט דער אינוואַליד	122
אין אַ פּאַרק	123
מאַרשאַלקאָווסקע, מאַרשאַלקאָווסקע...	124
וואַרשעווער מאַטיוון	125
ווען אַ וואָלקן נעמט צוואָגן די שטאָט	127
וואָס טוט מען מיט די מאַמעס פון דזשיקע און פּאַוויע?	128
פאַר געזונט!	129
בלוט	130
***	133
יצחק לייבוש פרץ	134
יהואש	136
יידישע קינדער צו שלום־עליכמען	138
אַ, לאַנד מיינס!	140

בלעטלעך פּראָזע

דאָס געזאַנג פון אונדזער קינד	145
ווידער מיט די קינדער	147
נאָכבאַמערקונג פון לייב אַליצקי	149
ברוך אַליצקי — י. וויינפּער	150
דער האָפּערדיקער ברוך אַליצקי — נחמן מייזיל	157

ביאָגראַפישע פאַרצייכענונג

ברוך אַליצקי איז געבוירן געוואָרן בערך אין יאָר 1907 אין דעם שטעטל טריסק, וואָס אין וואָלין. דאָס שטעטל פון דער רבישער דינאַסטיע, די טווערסקיס פון טריסק. זיין פאָטער (נחום) נחמן, איז געווען אַן איידעלער ייד און אַן ערלעכער מאַן. זיין מוטער, (אסתר) רייזיע — אַ וואוילקענעוו־דיקע און קלוגע פרוי. זיי זיינען געווען נגידישע קרעמער. האַרט פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה — שותפים צו אַ וואַלד־מסחר: זייער קאַפּיטאַל, דעם שותפס קענטעניש און אַרבעט. נאָך דער מלחמה, וואָס האָט זייער הויז דערפירט צו דחקות און נויט, איז דער פאָטער, צו זייער שאַנד, געוואָרן גבאי ביי אַן איניקל פון דעם טריסקער מגיד אין וואַרשע.

זייער הויז איז געווען צווישן די חשובסטע אין שטעטל. חוץ דעם, וואָס דעם דיכטערס זיידע פון דער מאַמעס צד, יעקב מאיר, איז געווען גבאי־ראשון ביים טריסקער רבין, אַ ייד אַן עושר און אַ חכם, האָט זיך דאָס הויז נאָך איבערגענומען מיט גרויסן ייחוס: פון דער מאַמעס צד — מיט רב לייב שרהס און די „חמישה־חומשי־תורה"; פון טאַטנס צד — מיט דעם גרויסן רב אהרעלע קאַרלינער.

ברוך איז געווען דער זיבעטער לויט דער ריי פון די, וואָס זיינען גע־בוירן געוואָרן פאַר אים, אָבער בלויז דער זעקסטער לויט די לעבעדיקע: דער ברודער שלום איז געשטאָרבן נאָך פאַר זיין געבוירן.

אין די יאָרן 1912־1913 זיינען פון שווינדזוכט געשטאָרבן זיינע עלט־סטע ברידער אברהם און משה, וועלכע האָבן געלערנט אין בית־מדרש, און אברהם, דער בכור, האָט זיך געגרייט צו ווערן אַ מורה־הוראה ביי יידן.

ברוך האָט געלערנט אין חדרים, ער האָט שוין אָבער, צוליבן אויסבראָך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, נישט באַוויזן צו לערנען ביי די עלטערע גמרא־מלמדים, ווי זיינע עלטערע ברידער, איינגעשלאָסן דעם ברודער לייבל, וועלכער האָט שוין געלערנט אויך אין די ליטווישע ישיבות.

זיין ערשטע „נסיעה אין דער וועלט אַריין" האָט ברוך געמאַכט אין יאָר 1914, ווען די מאַמע מיט די קינדער זיינען אַנטלאָפן פאַרן פראָנט, וואָס האָט זיך דערנענטערט, קיין ראָטנע צום זיידן שלומה־אהרן, דעם זייער פרומען סטאָלינער חסיד, מיט די פעטערס און מומעס. אין אַ פּאָר וואָכן אַרום, ווי נאָר דער פראָנט האָט זיך דערווייטערט, האָבן זיי זיך אומגעקערט צוריק אַהיים.

די מלחמה־באַדינגונגען האָבן פאַראַרעמט זייער הויז. מיט גיכע טריט איז אַהין אַריין דחקות, נויט און צייטנווייז אויך הונגער.

אין יאָר 1916 שטאַרבט דער זיידע יעקב מאיר, איבערלאָזנדיק אויף דעם באַראָט פון גורל די באָבע פּינע מיט דער צווייטער יונגסטער טאָכטער, די מומע ברכה, די פּסיכיש־קראַנקע . . .

אין יאָר 1917 שטאַרבט דער טאַטע אין וואַרשע.

עס טוישן זיך די מאַכטן: עסטרייכישע, פּוילישע און אוקראַאינישע. ס׳קומט צון אַ קאַמף אין שטעטל צווישן די פּעטליוראָווצעס און די פּאָליאַקן. עס בלייבן די פּאָליאַקן. רעוויזיעס אין יידישע הייזער. האַלערטשיקעס. יידן, וואָס פאָרן מיט דער באַן, קערן זיך אום אין שטעטל מיט אָפּגעשניטענע בערד.

אין יאָר 1918 שיקט מען ברוכן, מחמת דער נויט אין שטוב, קיין ראַט־נע אויף קעסט צום פעטער שמואל שמחה, וואו עס האָט זיך די גאַנצע צייט אויפגעהאַלטן דער זיידע, שלמה אהרון, וועלכער איז פאַר דער צייט גע־שטאָרבן.

ברוך פילט זיך נישט גוט ביי דעם פרומען קאַרגן פעטער. ער אַליין איז שוין דעמאָלט נישט פרום און גייט נישט גערן מיטן פעטער אין בית־מדרש אַריין. מע האַלט אים אויף קעסט בלויז צוליבן עלטערן ברודער, לייבלען, וועלכן מע וויל האָבן פאַר אַן איידעם פאַר דער בת־יחידקע. מע גיט ברוכן אַריין אין דעם העברעאיש־ציוניסטישן בית־הספר. ער פאַלט אָבער נישט אַרונטער דער השפעה פון דער שול. זי מאַכט אים נישט, נישט פאַר קיין העברעאיסט און נישט פאַר קיין ציוניסט.

אין יאָר 1920 קערט זיך ברוך אום אַהיים, נישט אָנפרעגנדיק ביי קיי־נעם: ער קאָן דאָרט, ער וויל דאָרט מער נישט זיין! פאָרט אויף זיין אָרט קיין ראַטנע דער ברודער לייבל, וועלכער דרוקט שוין צו דער צייט דער־ציילונגען און לידער. ברוך לעבט איבער אין דער היים דעם טויט פון דער מאַמען, וועלכע שטאַרבט אויך, ווי די עלטערע ברידער און דער טאַטע, פון שווינדזוכט.

די באָלשעוויקעס פאַרנעמען אויף אַ קורצער צייט דאָס שטעטל. אין ראַטנע, וואו ס׳איז איצט געווען דער ברודער לייבל, קומען פאַר פּאָגראָמען דורך בולאַק באַלאַכאָוויטשעס באַנדעס. לייבל קערט זיך אום אַהיים. דער עלטערער ברודער שמחה קריגט אַ שיפסקאַרטע פון אַ מומען אין אַמעריקע און קלייבט זיך אַהין צו פאָרן. באַר איידער וואָס ווען ווערט ער גענומען אין פּוילישן מיליטער. דער מצב אין שטוב ווערט נאָך קריטישער.

ברוך פיבערט דאָן איבער אַן הצלחה זיין ערשטע ליבע, און צוליב דעם און טיילווייז צוליב דער נויט אין שטוב פאָרט ער אַרויס אויף „אַ קאָנדיציע"

אין אַ דאָרף פון דער סביבה. די פרייע נאַטור, דאָס פעלד, דער פּויער און זיין לעבן מאַכן אַ גאָר טיפן איינדרוק אויף זיין עמפינדלעכן געמיט. אין דער איינזאַמקייט פון דאָרף הייבט ער וואַרשיינלעך אָן צו פּרואוון זיין דיכטערישע פעדער.

אין דער היים איז נויט און קעלט. די עלטערע שוועסטער די איינציקע ווערט קראַנק אויף אַ טיפוס, מע פירט זי אַוועק קיין קאָוולע אין שפּיטאָל אַריין, וואו זי גייט אַרויס פונעם טיפוס און שטאַרבט פון שווינדזוכט.

אין יאָר 1923 קערט זיך ברוך אום צוריק אַהיים, אַן אויסגעהיילטער פון דער ליבע. ער שרייבט געהיימערהייט און פאַרברענגט זיינע טעג אין שלונגען דער עיקר יידישע ביכער און אין ליידנשאַפטלעכן שאַכשפּיל.

אין יאָר 1925 ראַשט ברוך איבער זיין עלטערן ברודער, לייבלען, מיט דער גאַנצער פאַרגעשריטענער שטעטלשער יוגנט מיט זיין דעביוט־ליד אין די „ליטעראַרישע בלעטער": „מיין בלוט איז אויסגעמישט . . ." — דער נאָמען פון זיין ערשטן ליד, וואָס איז איצט געגעבן געוואָרן אויך זיין ערשטן לידער־בוך, נאָך דעם ווי זיין בלוט האָט זיך אויף דער וואָר אויסגעמישט, נישט מיטן בלוט פון דעם אוקראַאינישן פּויער, נאָר מיטן בלוט פון זיינע יידישע ברידער די קדושים . . .

אין יאָר 1926 הייבט ער אָן צו אַדאָרירן ש. פּ. זיין קומענדיקע ערשטע פרוי.

אין יאָר 1927 דרוקט זיך אין די „ליטעראַרישע בלעטער" זיין „געזאַנג צו דעם וואָלינער פּויער" — 15 סאָנעטן.

צוליב דער נויט־לאַגע אין שטוב פאַרבינדט ער זיך מיט דער צענטראַלער יידישער שול־אָרגאַניזאַציע אין וואַרשע, און זי שיקט אים אַרויס אויף אַרבעט אין דער ווילנער פּראָווינץ. ער אַרבעט אַלס לערער אין דער דרויער שול: אַרבעט, שאַפט און דרוקט.

אין יאָר 1928 קערט ער זיך אום אַהיים. ער האָט חתונה פאַר ש. פּ. עס ווערט ביי זיי געבוירן אַ יינגעלע, מוניעלע. זיי לעבן טיילוויז ווי אויף קעסט ביים ווייבס שוועסטער און שוואָגער, אַ נגידיש קינדערלאָז פּאָרפאָלק, און טיילוויז פון דעם פּראָצענט, וואָס דאָס ווייב קריגט פון איר נדן. אַזאַ לעבן איז ברוכן על־אפו־ועל־חמתו, ער באַטראַכט עס פאַר אוממאָראַליש, און צווישן דעם פּאָרפאָלק קומט אָפט צו מחלוקתן.

אין יאָר 1929 דרוקט ער אָפּ אין „דער נייער וועלט" אין וואַרשע די פּאָעמע אין סאָנעטן „אין געראַנגל מיט די זיידעס". זיין ווירקלעך לעבן איז פולשטענדיק אין סתירה צו זיין געזאַנג.

אין יאָר 1930 געזעגנט ער זיך מיט ווייב און קינד. ער פאָרט אַרויס

אַלס לערער אין דער מעזריטשער פאָלקס־שול. אַרבעט און שאַפט. ידרוקט אַפּט לידער אין דער אַרטיקער וואָכנבלאַט.

אין די יאָרן 1931־1932 אַרבעט ער אַלס לערער אין לונע. דאָרט פאַר־ליבט זיך אין אים אַ פיינע צאַרטע מיידל, מרים האַלפּערין. עס פאַרבינדט זיך אַ ראָמאַנטישער פלירט צווישן זיי. ווען ער קומט אויף די פעריען אַהיים קריגט ער פון איר הייסע ליבע־בריוו. זי איז גרייט צו וואַשן, ווי אַ שקלאַפן, זיינע פיס און שטיין פאַר אים אויף די קני, ווי פאַר אַ יונגן שיינעם גאָט. זי איז צו אים צוגעשטאַנען, זיך ניט רעכענענדיק מיט דעם וואָס ער האָט שוין אַ קינד. אַלס דיכטער האָט ברוך געהאַלטן פרץ מאַרקישן פאַר זיין מוס־טער, און מיט זיין שיינקייט האָט ער מיט אים קאָנקורירט. די ליבע־בריוו פאַלן אַריין צו זיין פרוי אין די הענט, און עס קומט צו אייפערזיכט־סצענעס און מחלוקתן.

ער פאָרט שוין מער נישט אַרויס פון דער היים. בשותפות מיטן שוואָ־גער עפענען זיי אַ שוך־געשעפט. ער מיט דער פרוי דאַרפן דאָס געשעפט באַאַרבעטן, און זיי קריגן דערפאַר דעם גרעסטן פּראָצענט. אָבער ברוך איז אַ שלעכטער געשעפטס־פירער. ער האָט מער אינזינען זיינע לידער, ווי די קונים. דאָס געשעפט גייט אַוועק שלעכט. מע דאַרף עס ליקווידירן. די וועקסעלעך האָט מען אונטערגעשטעלט בלויז אים, ער זאָל זיי אונטערשרייבן. איצט צווינגט אים ווייבס צד, ער זאָל אָפּשטעלן דאָס צאָלן און ידערקלערן זיך פאַר באַנקראָט. די סחורה פון קראָם טראָגן זיי אַרויס פון קראָם אַהיים. באונס מוז ער מיטמאַכן די אוממאָראַלישע שפּיל. ער באַטראַכט זיך ווי אַ פאַרפירטער, ווי אַ קרבן. דאָס שלעכטע צוזאַמענלעבן פון דעם יונגן פּאָר־פאָלק פאַרערגערט זיך נאָך מער.

דער עלטערער ברודער, לייבל, איז איצטער אין וואַרשע: נישטאָ אַפילו מיט וועמען אין אַן עת־צרה זיך אַן עצה צו האַלטן. ער איז איינזאַם און אַליין. שמחה, וועלכער האָט זיך אומגעקערט פון מיליטער־דינסט, האָט חתונה געהאַט קיין ראַטנע. דאָס יינגסטע ברודערל, דער שקראָפּוליעזער מאַטעסל, וואָס האָט זיך דערצויגן אין קאָולע אין אַ יתומים־הויז און גע־ענדיקט אַ פּוילישע גימנאַזיע, איז שוין אויך אין וואַרשע. ידי מומע ברכה און די באָבע זיינען דערווייל געשטאָרבן. די שטוב איז פאַרנומען פון דער יידישער פאָלקס־שול, און דאָס דירה־געלט ווערט אָפּגעשיקט קיין וואַרשע צו לייבלען אויף אויסצוהאַלטן מאַטעסן. די היים איז אויס . . .

אין יאָר 1934 צעגייט ער זיך מיט דער פרוי און גיט איר גט. דאָס קינד בלייבט ביי איר — ביי איר שוועסטער און שוואָגער. זי אַליין וועט אַרויספאָרן צון אַ ברודער קיין ארץ־ישראל.

אָרעם און הויל קומט ער אינמיטן יאָר קיין וואַרשע. קיין לערערישע

אַרבעט קריגט ער נישט. אַרויספאָרן אַרבעטן אויף דער פּראָווינץ וויל ער נישט. ער עקשנט זיך איין צו פאַרבלייבן אין וואַרשע. פון וואָס־זשע לעבט מען? דאָס דירה־געלט, וואָס ווערט דערהאַלטן פון טריסק, פאַרנוצט לייבל אויסצוהאַלטן דעם יינגסטן ברודער, מאַטעסן, אין אוניווערסיטעט. צווישן די ברידער הענגט אַ שווערער פאַרהאַנג פון שטומער בייזקייט. עס קומט אָפּט אויס ברוכן אונטערצוהונגערן. די טעג גייען אים אַוועק אין ליטעראַטן־פאַראיין אין לײַדנשאַפטלעכן שאָך־שפּיל, וואָס דאַרף אים פאַרשיכורן און מאַכן פאַרגעסן דעם הונגער־וואָרעם, וואָס נאָגט אונטערן האַרץ־לעפעלע. ער שפּאַצירט אָן אַ ציל איבער די וואַרשעווער טומלדיקע גאַסן, זיצט איינ־זאַם אין די פּאַרקן און דיכטעט גאַנצע שעהן אויפן ניכטערן מאָגן.

ער שאַפט אַ סך, נאָר דרוקן קאָן מען ווייניק. אין דער צייט ווערט אים צוגעטיילט אַ פּריז פאַר זיינער אַ ליד, וואָס ער שיקט צו אונטערן פּסעוודאָנים „סימן: פאַדוואַל" אויף אַ לידער־קאָנקורס פון אַ וואַרשעווער פּראָלעטאַ־רישן זשורנאַל „וואָכנשריפט".

עס קומט צו פאָרן קיין וואַרשע מרים האַלפּערין. זי קריגט אַרבעט ווי אַ פּריוואַטע דערציערין און טיילט זיך מיט אים מיט איר קאַרגן ברויט. ביי־דע פּרייע, קומען זיי זיך צוזאַמען ווי אַ „חבר" מיט אַ „חברטע". זיי פירן דאָ אַ שווער לעבן ביזן יאָר 1936.

לענגער קאָנען זיי אין וואַרשע נישט פאַרבלייבן. זיי זעען זיך געצוואונ־גען אַרויסצופאָרן אויף אַרבעט אין דער פּראָווינץ.

זיי אַרבעטן אין זשעטל. ברוך איז פון די פאַרגאַנגענע שווערע יאָרן אויסגעשעפּט. צוליב דער אַרבעט אין שול וויל ער זיך פון זיין שעפערישער דיכטערישער אַרבעט נישט אָפּזאָגן. זיין נערוון־סיסטעם ווערט אויפגערו־דערט. עס דוכט זיך אים אָפטער אויס, אַז שפּיצלען שפּירן נאָך זיינע טריט צוליב זיינע פּראָלעטאַרישע, פּראָ־סאָוועטישע לידער. ער שרעקט אָפּט זיין פרוי מיט אויסטערלישקייטן. ער האָט האַלוצינאַציעס. ווען זיין ברודער לייבל האָט וועגן דעם געקריגן אַ בריוו פון דער שוועגערן, האָט אים דורכ־געגומען אַן אימה: די מומע ברכה, די פּסיכיש־קראַנקע! . . .

אין יאָר 1938 פאָרן זיי איבער קיין לאָדזש. ברוך אַרבעט דאָ אַלס אַ לערער אין אַ יידישער שול, זיין פרוי — אַלס ביבליאָטעקאַרן.

אין יאָר 1939 אַנטלויפן זיי פאַרן דייטש און בלייבן שטעקן אין דעם סאָוועטישן גראָדנע. ברוך אַרבעט דאָ אין אַ סאָוועטיש־יידישער גימנאַזיע. צוליב פאַספּאָרט־שוועריקייטן איז ער געצוואונגען אַרויסצופאָרן אין דעם קליינעם שטעטל ליאַכאָוויץ און דאָרט אַרבעטן אין דער סאָוועטיש־יידישער שול. ער שרייבט און דרוקט טיילווייז אין די סאָוועטיש־יידישע אויסגאַבן. ביז . . . — — — — — — — — — — — — — — — — — —

מיין יעדער טראָפּן בלוט

מיין יעדער טראָפּן בלוט דיך זוכט צערודערט:
וואו ביסטו, דיכטער, ברוך מיינער, ברודער?

צי שפּילט דער ווילדער ווינט נאָך מיט דיין שויבער
דעם קופּערנעם — דיין בחורישן צויבער?

און צערסט די וועלט מיט גרויע אויגן — פלאַמען,
מיט נייגיר און פאַרוואונדערונג צוזאַמען?

האָט נישט פאַרנעגלט ברוינעם מאנסטרומס לאַפּע
די יאָרן דיינע, די פיר צענדליק קנאַפּע,

צום האַקנקרייץ? די אָדערן געצויגן?
לאַמטערנס מיט שיגעון — דיינע אויגן...

צי האָט דיר צוגעשפּילט דעם מזלס פידל:
אַנטרינסט דעם טויט פון אונטער קברס רידל?

די פליכט — געאַרעמט מיט דיין ווילן שטייט זי
און הענגט נקמה־ביקס דיר אויף דער פּלייצע:

— מעג זשאַווערן דיין דיכטערישע פּעדער!
מיט בלוט קויף אויס די פרייהייט גלייך ווי יעדער...

צי בלוטיקט נישט די וואונד פון דיינס אַן אבר?
צי ליגסטו אויף אַ שלאַכט־פעלד שוין אין קבר?

געבענטשט זאָל זיין דיין פאַלן צו די הייכן,
וואוהין דער דיכטער־רום קאָן קוים דערגרייכן!...

וואו ביסטו, דיכטער, ברוך מיינער, ברודער?
מיין יעדער טראָפּן בלוט דיך זוכט צערודערט...

ל. אַליצקי.

⁂

„ולא ידע איש את קבורתו . . .״

דאָס אָרט און די אומשטענדן, ביי וועלכע ברוך אַליצקי האָט זיך באַ־געגנט מיט זיין טראַגישן טויט, וואָס האָט אים אויף אייביק פאַרהייליקט, איז אומבאַוואוסט.

פריינט משה פיש פון וואַרשע, דירעקטאָר פון דער סאָוועטיש־יידישער שול אין ליאַכאָוויץ, אַ שטעטל לעבן באַראַנאָוויטש, וואו ברוך האָט געאַרבעט אַלס לערער פון יידיש און יידישער ליטעראַטור, טיילט מיט:

„דעם 24־טן יוני יאָר 1941״, פאַר דער פינצטערער פאַרפלייצעניש פון די האָרדעס מיט די האַקנקרייצן, האָט ער געזען ברוכן מיט זיין פרוי, מרים האַלפּערן, אין דער שול אין גרויסער בהלה און פאַרלוירעניש. זיי האָבן גע־זוכט אַ מעגלעכקייט צו אַנטרינען. צי האָבן זיי עס, ווי ער, באַוויזן? . . .

זייער ווייניק יידן האָבן באַוויזן צו אַנטלויפן פון ליאַכאָוויץ אין דעם רעטונגס־לאַנד — ראַטנפאַרבאַנד. די גאַנצע פאַרבליבענע ליאַכאָוויצער קהילה איז אַוועק מיטן שוידערלעכן וועג פון דעם יידישן אומקום אין איי־ראָפּע.ביים לעבן איז געבליבן בלויז אַ קנאַפּער מנין — זיבן נפשות. צווישן זיי ציילט זיך נישט ברוך.

און שוין — דאָס איז אַלץ.

קיין מאַנוסקריפּטן פון אים. קיין פערזענלעכער דאָקומענט.

אין ראַטנפאַרבאַנד האָט מיט זיינעם אַ פריינט אַרומגעוואָגלט זיינס אַ פאָטאָגראַפיש בילד פון צוויי־און־דרייסיקטן יאָר. אַן אויסטערליש בילד! אין אַ ווייסער טאָלסטאָווקע, די אַקסל — ווינקלדיק, איינער העכער, דער צווייטער נידעריקער, דער קאָפּ — פאַרוואָרפן, די אויגן — פאַרגלעזט, פון האַלדז אַרויף — אַ פאַרפירערישער ליכט־שטריך און: ער זעט אויס — אַ געהאָנגענער! . . .

שוין אין צוויי־און־דרייסיקטן יאָר איז ער געשטעמפּלט געווען מיטן צייכן פון אומקום — אַ נביאותדיקע פאָטאָגראַפיע!

צום גרויסן באַדויערן איז אויך דידאָזיקע פאָטאָגראַפיע אין וואָגל פאַר־לוירן געגאַנגען.

אין יאָר 1946 האָט זיין עלטערער ברודער, לייבל, אויפגעשטעלט זיין נאָמען: אַ נאָמען געגעבן זיין ניי־געבוירן יינגעלע, זיין בכור — ברוכל. איז דאָס די ברידער נישט באַשערט געווען: נאָך עטלעכע וואָכן מאַטערניש און פּיין איז דאָס ברויזעלע ברוכל אין צאַנקעניש אויסגעגאַנגען. זיין קליין ריין נשמהלע האָט אַוועקגעוואַנדערט זוכן די נשמה פון זיין גרויסן פעטער ברוך.

ערשט אין די חרובע געטאָס פון פוילן האָבן זיך אָפּגעפונען אַ טייל צייטשריפטן, פון וועלכע עס זיינען גענומען געוואָרן די לידער, וואָס גייען אַריין אין דעם בוך, ווי אויך די איינציקע פאָטאָגראַפיע פון דעם דיכטער. די איבעריקע לידער האָבן אַראָפּגעשריבן דעם דיכטערס פריינט, חנהלע פּערל פון ירושלים און איציק ביק פון בוענאָס־איירעס. זאָל די דאָזיקע זאַמלונג, כאָטש פון אַ קליינעם טייל פון זיינע שאַפונגען, וואָס האָבן זיך אָפּגעראַטעוועט אין דרוק, זיין מצבה אויף זיין אומבאַקאַנטן קבר, וואָס האָט זיין אָרט צווישן די מאַסן אומבאַקאַנטע קברים פון די זעקס מיליאָן יידישע קדושים, וואָס אויף יעדן פון זיי לייענט זיך דער פּסוק:

„ולא ידע איש את קבורתו".

מיידאַנעק קומט מיר צו חלום

(פראַגמענט)

. . . זיי זיינען ווייט און נאָנט, כ'הייב אָן געשטאַלטן צו דערקאָנען.
איך שטרעק אויף דלאָניעס אויס מיין דושטיק האַרץ צו זיי.
זיי קוקן מיט תרעומות, און די אויגן־היילן מאָנען:
— און דו וואו ביסט? — איך ענטפער נישט קיין וואָרט פאַר שאַנד און וויי.

עס ווירבלט צו מיין ברודער ברוך, דער צעברויזטער דיכטער,
זיין ווילדע טשופרינע — אַ ברענענדיקער סנה אין ווינט:
— „פון פיין איז שיכור אונדזער פאָלק, און דו . . . ביסט אַלץ נאָך ניכטער,
און סלינעסט אַלץ, און מעלה־גרהסט אַלץ מיט שורות טינט!

איך האָב געזען אַ געטנדזן־פעדער פון אַ סופר ברענען,
אין זיינע צוקנדיקע פאַרמעט־פינגער שטאַר פאַרקלעמט; —
צי דו וואָלסט אויכעט מיט אַזאַ מסירת־נפש קענען
דיין דיכטער־פענע איינהאַלטן, און וואָלסט זי נישט פאַרשעמט?!"

איך טו אַ פאַל אים אויף דער ברוסט. איך וויין אָן קלאַנג, אָן טרערן.
איך צינד זיך אָן. מיר האַלדזן זיך, פאַרפלאָכטן פלאַם אין פלאַם.
מיר ווירבלען זיך אַרויף ווי פאַקלען אין די הויכע ספערן —
אַ ליד, וואו ברודער־האַרץ צו ברודער־האַרץ שלאָגט אויס צום גראַם.

ל. אַליצקי.

לאָדזש, ערב ראש השנה, תש"ו

צו מיין ברודער

א.
ביי ווערמען איז דיין ליד געבליבן,
דאָס גרויסע ליד, וואָס האָסט נישט אָנגעשריבן?
איך וועל דאָס זוכן צווישן פלאַמען,
וואָס האָבן דיך אין רויטע ליילעכער געוויקלט.
ביי ווינטן וועל איך פרעגן —
זיי האָבן דיך געוויגט אויף אָוונטיקער תליה,
ווי ס'וויגט אַ פיצל קינד אַ מאַמע.
כ'וועל מאָנען ביי די וועגן,
וואָס האָבן דיינע טריט אַריינגעזאַפּט, ווי הייסע שקיעה.

ב.
דו האָסט געזאָגט צו דיינע שילער:
עס האָט איך אָפּגענאַרט די שול —
דער וואַלד איז מיט געוויינען פול,
און נישט מיט לידער.

עס שרייען נישט די באָרוועסע קוקאָווקעס צו דער זון —
דאָס יאָמערן געשאָכטענע די ברידער,
און ס'האָוקען הפקרדיקע יעגער־הינט.

אַ רויט געוועש צעהאַנגען האָט דער ווינט
פון ווינדעלעך
און קינדערישע העמדער,
און נישט קיין וואָלקנס איינגענעצט אין שקיעה.

מ א ט ע ס   א ל י צ ק י

מיין צוגאַנג צו דיכטונג

(ברוך אַליצקים אַן ענטפער אויף אַן אַנקעטע)

אַלץ וואָס שמעקט מיט ערד איז געזאַנג, און אַלדאָס איבעריקע איז פּאַר מיר ווי פליענדיק שפּינוועבס אין אַ זוניקן טאָג. ס'איז שיין, אָבער נישט מער ווי שפּינוועבס.

דעם אמת געזאָגט, האָב איך אַליין געגנוג פליענדיק שפּינוועבס.

אַראָפּ מיט דער מעטאַפיזיק! נידער מיט דער מיסטיק! איז וואָס, אַז מע גיט עס איבער אין בילד?

אַלץ שטאַרבט און פאַרגייט, בלויז די ערד איז געוועזן די אייביקייט און וועט זיין די אייביקייט.

במילא איז דער פּויער פאַר מיר מער ווי אַ יגיע־כפּימניק; ער איז אַ כל־בוניק, ער איז קאָסמאָס, ער איז אַלץ: זון און כמאַרע, פרייד און טרויער, מוזיק און ריטם, ווילדקייט און צעשויבערטקייט, בלוטדורשטיקייט און מענטשלעכקייט, אוראַלט און סוף כל הדורות.

איך האָב פיינט בתכלית־השנאה די שטאָט. איך האָס די פילשטאָקיקע מויערן, ווייל פון הינטער זיי הער איך דעם וויינענדיקן פּראָטעסט פון גע־וויקסן, וואָס דערלעבן נישט צו לעבן. —

וואָס שייך דער פאָרעם האָט מאַרקיש געלייגט אויף מיר זיין חותם. איך קלער אָבער, אַז מיינע לידער זיינען געפּרעסטער.

מעזריטש, 1930

דאָרף

מיין בלוט איז אויסגעמישט . . .

מיין בלוט איז אויסגעמישט מיטן בלוט פונעם פשוטן פויער,
און ס׳זינגט אין מיר דאָס ווילדע געזאַנג פון די טייכן.

זיין ווייטיק צעאַקערט מיין האַרץ, ווי דער אַקער זיינע פעלדער,
באַזאָמענדיק עס מיט ווילדע זאָמען,
און זיין פרייד צעפלאַקערט זיך אין מיינע אויגן,
ווי ראָזע זריעה־שיין אין שייבעלעך פון זיינע כאַטקעס.

עס פלאַטערן מיינע טעג ראַשיק און פילפאַרביק,
ווי זונטיק די סטענגעס אויף די פלייצעס פון די טאַנצנדיקע שיקסעס.

עס באָדט זיך מיין קאָפּ, אַ לאַנד מיינס, אין דיינע ווינטן ווי אַ וואַלד,
ווען כ׳מעסט מיט מיינע פיס דיינע דאָרפּישע שליאַכן.

און בין־השמשות־צייט ציען זיך אומעטן פון מיינע גלידער,
ווי נעפּל־ליילעכער פון דיינע שלווהדיקע לאָנקעס.

טריסק, אויגוסט, 1925

דאָס געזאַנג צום וואָלינער פויער

(סאָנעטן)

א

אַ אויפגעקומענער, געזונטער און באַבערדיקטער מיט מאָכן,
ווי דיינע נידעריקע פלויטן די געפלאָכטענע און כאַטעדיקע דעכער,
דו, טיף־פאַראַקערטער אין ערדן—ביסט פון דעם דערהויבנסטן נאָך העכער,
און מער ווי זונטיק ביסטו זונטיקדיקער ביי דיין אַרבעט אינדערוואָכן.

דו ביסט דער טרייסטער, אַ באַפרייער איינגעשפאַנטערהייט אין יאָכן!
עס פאַלן דיינע טראָפּנס שווייס, ווי זאָמענס, ביי דעם זייען,
נאָר, גלייך ווי בלויע הימלדיקע פאָנען איבער לייוונטענע שנייען,
עס בלויען איבער דיינע דאגות און דערוואַרטונגען די נחתדיקע וואָכן.

ווער קאָן פאַרשטיין דעם כוח דעם שטאַרקערן פון פעלדז און שטאָלן,
וואָס זאַפּסט אַריין פון פעלדער מיסטיקן, פון אַקערס און פון בראָנעס
אין דיינע בראָנדז־מוסקולן, אין די האַרטע די פאַדעשוועדיקע דלאָניעס?

און ציען טעג זיך איין, ווי טשערעפּאַכעס, אין די אוונטיקע שאָלן,
און ס'לאָזן דיינע וויעס זיך אַראָפּ, ווי פליגלען, מיד און מידער —
עס שפּרודלט דיין מגושמדיקע גבורה נאָך און קוואַלט אין אַלע גלידער.

ב

אַ, דיינע שפּראָצנדיקע מאַרגעס, וואָס פאַרכלינען זיך מיט שומיקע
און גרינע פינען,
און דיינע ברכהדיקע פאַשע־לאָנקעס מיט די פּיפּקענדיקע רויך־טומאַנען,
זיי ווירוויכן, ווי צו אַ גאָט אַן ערדענעם, צו דיינע פויערישע שפּאַנען
שווער וואָגיקע און מאַסיקע, ווי אָפּגעמאָסטענע אַרשינען.

דיין אויסגעפּראָצעוועטער פינגער־צענדלינג איז אונדז פּרוכפּעריק,
ווי צען וואָלינען,
דיין ברעם איז פולערער פון זאַנג, דיין טשופּרינע נאָך גרינגער פונעם ווינט,

און, גלייך ווי זשיוויצע פון סאָסנע־קאָרעס, שטראָמט אַרויס און רינט
פון דיינע סיערמענגעס און פאָסטעלעס דער ריח פון וואַלד און פון באַגינען.

און אַלץ, וואָס לעבט און אָטעמט נאָר, דערנערט זיך מיטן מאַרך
פון דיינע ביינער,
און אַלץ משעובד איז און ווערט צעמאַלן און צעריבן דורך דיין ווילן,
ווי תבואהדיקע קערנער דורכן שטיין פון זשאָרנעס און פון מילן.

און טעסען זיך די תקופות דיינע אָפּ פון פליען אייליקע, ווי שפּענער:
אַ פרילינג־שפּאַן, אַ ווינטער־שפּאַן, און אָט־אָ שווימט דער טויט אָן —
דאָך פונדעוועט נאָך שטאַרקער דיין ממשלה זיך אין טיפן און אין ברייטן.

ג

און טיף איז די שנאה, וואָס זיצט ווי אַ סאָווע אין גאָלדיקע שטרויען
פון וואָנסעס פון דיינע און פינצטערט דיין שמייכל דעם גוטן
צו יענע, וואָס פּאַשען זיך באַרגיקע בייכער מיט פויעריש בלוט אָן
און פּענטען דיין פרייהייט, דיין שאַפן און בויען.

ביי דיר איז אַ געגנט, וואו פרייהייטן בלויען!
וואו פּענטעס זיך שטיקלען, און אייזנס זיך ברעכן,
וואו הייכן צו ערדן זיך בייגן, און ערדן צו הייכן דערגרייכן
און ווינטשן זיך ביידע מיט זונען, מיט גרינסן, מיט רעגנס, מיט טויען.

און זעגט מען דיר אונטער אַ כלאָפּ, ווי אַ סאָסנע, מע נעמט אים אַוועק
אין סאָלדאַטן,
און ערד בלייבט פאַרוואָרלאָזט, פאַרצאַרנט, אַזוי ווי אַ יונגע אלמנה,
און קאָרטשעט זיך, קאָרטשעט זיך צערפול צום איינרייס פון אַקער און בראָנע,

און שינדט מען דיין פעל אָפּ מיט שטייערס,—טאָ ווי זאָל אין ליכטיקן טאָטן
דער צאָרן נאָך רויטער נקמה נישט שאַרפן דעם שפּיציקן פּיסק זיין
און פּיקן, אַזוי ווי אַ פּיקהאָלץ, אויף הילצערנער שוועל פון זיין
פויער־באַוואוסטזיין!

ד

דאָס ווייב געווינט דיר קינדער, ווי די קליאַטשעס אין די שטאַלן.
די קינדער — צייטיקע מיט קעפּלעך העלע, פון קאַנאַפּליעס העלער;
זיי עסן ברויטן ראַזאָווע מיט געלן באַרשט פון געלן זונען־טעלער
און טרינקען פון דער אויפגעפלייצטער שוואַרצער ערד די זיסע גרינע גאַלן.

עס וויקלען לויטערקייטן זיי אין לויטערע און בלויע שאַלן,
ווי אויף די רחבותדיקע פליינען לאַשעקעס און לאמען —
די הענט און פיס צעלאָזן זיך, ווי צווייגן זאַפטיקע פון שטאַמען,
די הענט און פיס — באַבלעטערטע מיט שאַרפע ריזלדיקע קראלן.

אַזוי־אַ וואַקסן זיי אַזוינע גופיקע און זאַפטיק, דיינע כלאַפּעס
און דיינע וואָרעמע, פולבלוטיקע און פריידיק־אויפגעבליטע כלות,
וואָס זיינען אויף דער עלטער דיר ווי פעסטע דעמבענע פאַדוואַלעס.

און דו — באַחשבונסט זייער צאָל ודערנאָכדעם, ווי אין שייער דיינע סנאָפּעס,
און טיילסט מיט פשטות יעדערן דיין האָב און גוטס: די ערד, דאָס פי, דאָס הויז
און בענטשסט: ווי אָקסן זאָלט איר האָרעווען און עסן ברויט מיט שוויס.

ה

איליו, ליוליו, ליו, דו קליינער,
זיי אַ פויערל אַ גוטער,
וועט באַשיצן דיך די „מוטער",
און נישט בייז טון וועט דיר קיינער.

איליו, ליוליו, ליו, דו קליינער,
זאָלסט נישט שפּאָרן מי און פּראַצע,
וועלן פּירות פולע טאַצן
טראָגן ליים און טראָגן שטיינער.

ווי דער טאַטע מיטן זיידן,
גוט און פרום און פול בטחון
זאָלסטו שלעפּן דיינע וואָכן —

װעלן אומגליקן דיך מיידן:
האָגלען, טכוירן, װעלפּנצײַנער
און אויף דעכער רויטע הענער . .

װ

די שיקסעס דײַנע די האַרטליביקע, באַשאָלעכצטע מיט ברוינע הויטן,
מיט קעפּ באַשאָטענע, באַרעגנטע מיט האָריקע און שפּעדיקע פלאַקסן —
עס שמעקט פון זיי מיט סמעטענע, מיט יאַגעדעס, מיט האָניק און מיט װאַקסן,
און בריסטן בעטן זיך פון בלוזקעלעך, װי אויפגעלאָפענע, װי הייסע ברויטן.

יונגיעריקע נאָך, און גלידער פלאַמען שוין און ציטערן, װי קנויטן —
דאָס בונטעװעט דיין בלוט דאָס פרייע זיך, לויפט איבער אַלע מאָסן,
און װאָס נאָר אין באַרירונג קומט, װערט ברויזיק און פאַרגאָסן
און ציט מיט ליפן גאַריקע צו בריסטן אויפגעלאָפענע װי ברויטן.

איז פרעסן זיי, די יוגנטן, װי ס'פרעסן הינטלעך אייגענע די צויגן,
און פאַדען יעגעריש אַרום דעם כלאָפּ ביי שאָטנדיקע שייערן און פלויטן
און זינקען אויפגעזאָטענע און שיכורע אין תאװהדיקע קויטן.

נאָר שפּעטער פאַרן שלאָפן קניען זיי אַזוי — אָ צלם־אַרטיקע, געבויגן,
מיט קעפּ אַראָפּגעלאָזטע, תשובהדיק, פאַר געלע ליכטיקע איקאָנעס
און בעטן קריסטוסן פאַרגעבונג, װי געלייטערטע און אויסגעבלייכטע נאָנעס.

ז

מיט כמאַריקע קודלעס פון קוימענס, מיט פריידיקע שװעלן און טירן
די כוטאָרן דיינע אין דערפער זיי גייען און האָפקען אַנטקעגן.
זיגזאַגן זיך ערגעץ דען סטעזשקעס, פאַרחלשטע העלדזער פון װעגן,
װאָס זאָלן נישט אָרעמע אורחים צו היימען צו דיינע פאַרפירן?

און זאָלן פאַרבלאָנדזשען די אורחים אין צװייען, אין דרייען, אין פירן —
פאַרגרייט איז פאַר אַלע זיי שיסלען געקעכטסן מיט קנױליקע פאַרעס!
און פראָסטע געלעגערס פון שטרויזעק מיט בלויקייט אין טונקעלע נאַרעס,
מיט בלויקייט פון רונדע לבנות, װאָס רופן, װי בלויע פאַכירן . . .

ווער וועט דען פאַרלאָזן, אַ פויער, דיין ליימיקע שלווהקע כאַטקע,
וואָס טוקט זיך אין שלאַנקינקע רויזן, אין רויטע געוויסערס פון מאַנען,
און דיר נישט אויף אייביקע יאָרן, ווי יעזוסעס נאָמען, דערמאַנען?

ס'באַגלייטן אַרויס דיינע אורחים די רוגזהקע הינט די קודלאַטע,
ווי קומעס, מיט האַריקע לאַפּעס, אויף לענדן און לאַצן פאַרהויבן
און ניובען, און לעקן די צייכנס פון שטיול־פּאַדקאָוועס אין שטויבן.

ח

ווי בלוי און שלאָפלאָז זיינען זיי, די גוטע נעכט פון דיינע מייען!
עס דרימלען בלויז די ברונימער, די שטויבן אויף די וועגן.
די כוואַליעכלעך אין אָזערעס זיך וויגן אויף געיעגן,
און ס'פּאַטשן מיט די ווידלען זיך די קאַרפּן און די שלייען.

פאַרוואָרפן, בליצן אויף די ווענדקעס פלאַמיקע און שפּייען
מיט האַטשיקעס און רויטע ווערעמלעך געפּיש צו פאַנגען...
די הימלען — שעפּלען, ווי אַנדנאַיקע, אין הייכן אויפגעהאַנגען —
פאַרשיטן סעדער טונקעלע מיט שטערנדיקע קלייען.

עס הענגען דיינע כאַטעס אויס די צלמים אויף די שויבן
און אָרמען פעסט אַרום די שפּייכלערלעך און שטאַלן,
זיי זאָלן נישט אין בלויקייט ווערן וואו פאַרפאַלן.

און אומגעדולדיק וואַרטן אַפּ דערוואַכט און אויפגעהויבן
די הענער, אַז באַגינען זאָל אין שטייגן זיך צעפּלעקן,
און זיי, ווי שומרים — אויפקרייען, אין פעלד אַריין צו וועקן.

ט

דיין הויכגעוויקסיק גראָז און קאַנישינע טובלט זיך אין ראָסעס און אין ווינטן.
דאַלעבן קנייטשן טייכן זיך, ווי טאַצן בלעכענע, און ברומען.
מיט שאַרפן דלאָטע־פּיסק שפּאַנט אום אַ באַטשאַן און ער נישטערט
אין אַרומען
און שפּאַרט אַריין משופּע, ווי אַ קלין, אין ווייכער ערד דעם ווייסן הינטן.

און סטעזשקעלעך גראַדליניק און אלכסנדיק, ווי אויסגעקעמטע שריינטן,
צעטיילן דיינע לאַנקעס די פּרימאַרגנדיקע אויף דרייעקן און פּירעקן;
אַט שטראַלט אַ קאַסע, ווי אַ זילבערנער און לאַנגער שנאַבל, אויף אַ גראַבן שטעקן,
אַ צווייטע און אַ דריטע שטראַלט און גליטשט זיך פלינק טראַפּ אין גראַז צעגרינטן.

פאַרקאַטשען אַרבלען זיך, אַנטבלויזן הענט באַפאַנצערטע מיט זשאַווער,
און רוקנס לייוונטענע ציען אויס זיך, ווירען בויגיק אויף, ווי ווירעס,
און ווי אַ וועלדל פון בערעזעס — אויסגעוואַקסן דיינע שורות!

עס נעמען קאַסען דיינע קאַסעס, קאַסען גראַז און קאַסען אוויר,
און דו, דו מונטערסט זיי, די יונגען: היי, געאַרבעט! עסן עסט איר? . . .
ווי די בערעזעס — דיינע שורות, ודו — דער העכסטער און דער גרעסטער.

י

פלאַטער יונגע, פלאַטער טענצער איבער פעלדערישע פלאַכן —
קעפּלעך שיקסישע צעלופּטיקט, און באַסטענגעט, און באַהאַנגען.
שניידן אויסגעשאַרפטע סערפּעס — בערדיקע געדיכטע זאַנגען,
און מיט סערפּעס־שאַרפקייט שניידט דאָס שאַרפע שיקסיש לאַכן.

שטייען קוואַרינקע סטראַשידלעס — אַנגעברוגזטע מאַנאַכן,
היטלען שוואַרצע איבער פּנים, נישט צו הערן, נישט צו קוקן,
נאַר דאָס לאַכן שניידט דעם פאַרנט, שניידט דעם רוקן,
אַז סע פלאַצן פאַר געלעכטער אַזש ודי ווייטן און די שליאַכן.

סערפּ־געקלימפּער, סערפּ־געליאַרעם! סערפּ מיט זון האָט זיך באַזויפן,
האָט ער אויף די געלע פעלדער זיך פאַרמאַסטן ווילד און שיכור
און פאַרגוואַלטיקט, און געקוילעט, און צעשניטן זיי אויף שטיקער.

ליגן סנאָפּעס אַנגעוואָרפן, ווי פּגרים אין אַ הויפן,
זון צערינט, און סערפּ, שוין ניכטער, רוט אַ רואיקער, אַ זאַטער.
נאַר עס פלאַנטערן אין מיט זיך יונגע טאַנצנדיקע פלאַטער.

יא

וואָגנס, אָנגעטאָסעוועט צוויי פּויערים די הייך מיט גערשטן און מיט קאָרן,
וואָגנס בראָנז, פּירקאַנטיק, פון דיין זומער דעם צעשניטענעם, צעהאַקטן,
קריכן ריסוק־אברדיקע איבער זאַמדיקע און סמאָלעדיקע טראַקטן
און זיי קרעכצן מיד, ווי זקנים אונטער משא פון די איבעריקע יאָרן.

נאָר עס שיקן דיר אַנטקעגן די בלויאויגיקע און לויטערע קאַיאָרן
ווייס־באַפּאַרטעכטע שליחים, דיר צו צלמען און בענטשן . . .
ווי מיט יאָד געשמירט דיין לייב, דו פויזעסט נאָך באַלענטשן,
און עס רייפט דיין יונגוואַרג קעגן זון די באַקן — רויטע פּאָמידאָרן.

זע, אַ הינטל לאָזט אַוועק זיך העגדום־פּעגדום, די אָנסופיקייט צו מעסטן.
באַרג־אַרויף און באַרג־אַראָפּ. און טראַקטן שוואַנגערע און טראַקטן ווי עקרות
טרענען קאָפּיטעס און רעדער אויף און מאַכן טיפע נאָרעס.

ס׳געבן לידער מיטאָמאָל אַ ריס זיך, גלייך ווי פייגל פון די נעסטן;
לידער שניטיקע און ברויטיק פון געזונטע פּויערישע קעלן
צירקלען מיט די פליגל אויסגעצויגענע אין יוליקע צעהעלן.

יב

אָקטאָברישע רעגנס די דעכעלעך דרעשען.
נאָר וואָס זיינען רעגנס פון קראַנקן אָקטאָבער
אַקעגן די רעגנס פון ווייץ און פון האָבער,
אַקעגן די רעגנס פון קויטיקע מעשן? . . .

און שניטן פון אַקנס און קנייטשן פון וועשן
די שוויסן, ווי צענדלינגער גומענס, פאַרשלינגען;
צעפּאָכעטע צעפּעס, צעפּאָכעטע לונגען,
און אויגן, ווי קינען זיך צינדן און לעשן.

אַ טאָפּ מיט קאַרטאָפליעס — דיין איילינקע סעודה,
און באַלד צו דעם ברונעם, ווי דאָרשטיקע טשערדע;
פיל אַרבעט פאַראַן איז און כוחות נאָך מער דאָ.

טאַ וואָס זיינען כמאַרעס פּאַראַסיטנטע, מידע,
און וואָס זיינען רעגנס פון קראַנקן אָקטאָבער
אַקעגן די רעגנס פון ווייץ און פון האָבער ? !

יג

און ענדיקסטו מעלוויצען, שווימען רואיק זיך די אַסיענדיקע וואָכן
מיט רויכן מאַכאַרקע און מיט שפּאַלטן העלצעלעך און קינען.
די באָבעס און די שיקסעס דיינע נייען, צערעוועו און שפּינען,
און שטעלן אויפן קוימען אויף וואַרעניקעס מיט יושקעס אָפּצוקאָכן.

גייסט אָפּטערער אַריין געוואויר ווערן, וואָס ס'הערט זיך ביי אַ שכן,
און פּירסט אַ קערצל תבואה אָפּט אָוועק פּאַרקויפן אויף יארידן —
מאַריע דאַרף אַ קאַפּטאַן, אַ פּאַטשיילע האָבן, וואַרטשעט אומצופרידן,
און יאַנעק טענהט, אַז סע זיינען זיינע שטיוול שוין, ווי וועטישעס, צעקראָכן.

און וויסטע נעכט און מרה־שחורהדיקע יאָגן און פאַרפירן
די וואָגלענדיקע הונגעריקע וועלף, חזירים ווילדע, בייזע,
וואָס שטורעמען דיין דערפעלע מיט לאַפּעס און מיט נעזער.

נאָר אָפּגעשלאָסן און פאַרצוויאָקעט זיינען פענצטערלעך און טירן:
עס פּלאַפּלען היימיש די וואַרעניקעס, די יושקעס ביי דעם פייער,
און אויף אַ טישל וואַכט אַ שיין־ראָד פון אַ לעמפּעלע אַ „דרייער" . . .

יד

לויפן אָן, ווי וויסע שעפּסן, דיינע וואָלענע יאַנוואַרן,
ברענגען וואָלן, ברענגען שמוישן און צעוואָרפן זיי, צעשיטן.
דו — באַפּעלצט און גוט באַוואָפנט מיט אַ האַק און מיט אַ שליטן,
און פון מויל דיינס זעצן רויכן, ווי פון ליולקעס און ציגאַרן.

שווערע ביימער אין די וועלדער אויף דיין האַק און אָטעם אַרן.
פּירסטו קלעצער פולע שליטנס, האַלבע טוצן, גאַנצע טוצן.
לייגסט דערוויל זיך אָפּ געהילצן — וועלן ווען מסתמא נוצן,
וועלן ווען אויף נייע שטאָלן און געבייען זיך דעראַרן.

היי, געוועלטיקן זאָל ווינטער! קלאַמערן דיין לאַנד אין קלאַמער!
שוין צעהאַנגען אויף די סטריכעס וואורשטן אָנגעפּילט מיט שמאַלצן:
האָסט אַ חזיר אָפּגעקיילט שוין, אָפּגעסמאַליעט, איינגעזאַלצן.

פּעסער פול מיט נייע תבואות שטייען אָנגעשטאָפּט אין קאַמער,
און פאַר בהמות וועגן דרימלען זאַטע שטרויען, זאַטע הייען —
ביסט באַוואָפנט, ביסט באַפּעסטיקט — זאָלן הערשעוועען די שנייען!

טו

און איך, אַ קינד פון פאָלק, וואָס שלאָגט קיין שורש נישט אין טיף פון באָדן,
אַ דורכגעפּוילטער שפּראָץ פון הייליקן, באַשכינהטן רב אהרעלע קאַרלינער,
איך האָב מיין בלוט מיט דיינעם אויפגעמישט און אויפגעגאָן, ווי דו,
אַ גרינער,
איך האָב דיין מי פאַרזוכט און טראָג אַ האַרץ מיט פויער־פרייד באַלאָדן.

עס האָט אַריינגעטאָגט אַ וואַרע זעאונג דורך שפּאַרונע פון מיין דמיונס לאָדן:
דיין קעניגרייך צעשטחט איז, ווערט חשובער, דערהויבענער פון אַלע
קעניגרייכן;
די פעלקער מישן בלוט מיט בלוט, ווי עס מישן טייכן זיך מיט טייכן,
און שטרעקן אויס די אָרעמס זייערע צו שוואַרצע ערדיקע גענאָדן.

און שטעט פאַרקאָפּטשעטע, וואָס האָבן דיך, ווי פּיאַווקעס טויזנטמויליקע,
גענאָגן,
פאַרוואַנדלען זיך אין פּראָסטע כוטאָרן, אין שטילע פויערישע היימען,
וואָס דופּטיקן מיט בעזיקייט, מיט לאַנדישקייט, מיט שלווהקייט פון ליימען.

און איבער אָלעמען צעבליען זיך און שמייכלען גוטע מאַמישע פאַרטאָגן,
און שלעפּן פון די פאַזוכעס אַרויס די אָנגעקוואָלענע, די פולע זונען־בריסטן
און זויגן אָן דעם פויער־שטאַם, וואָס וואָרצלט טיף זיך אין די מיסטן.

ווינטער אין דערפל

א

פון מאַכיק־גרינע פעלעכלעך אויף דעכער און אויף פלויטן
אויף נאַכטלעגער דער אומעט אינעם כאַטקעלע איז דאַ שוין.
ערגעץ טוקט אַ קאַניצל דאָס קעפל אָפּ אין רויטן,
ווי אַן אויפגעשניטן ציגעלע, און ווערט צוריק פאַרלאָשן.

כ׳האָב אָנגעכאַפּט די מרה־שחורה ביי דעם אייטערל דעם ווייכן,
גענומען פון די ציצן מיט די ליפּן דאַרשטיק זויגן . . .
ווי אַ מאַלער, די לבנה נעמט די שייבעלעך פאַרבלייכן
און בלויט דעם טינט אין טינטערלעך פון מיינע אויגן.

די באַלעבאַסטע, שעלטנדיק, צעבלאָזט אין הרובע קינדעלעך;
אַ ליכטיקייט אַ בלאַסע רייסט זיך אינעם טונקל,
פאַרטרייבט דעם אומעט מיד און דרעמלענדיק אין ווינקל.

און שטילערהייט און אָוונטיק עס שעפּטשען מיינע קינדערלעך
פון דאָרפיש באַלעבאַטישקייט, פון קי, פון פערד, פון שטאַלן . . .
איינדרויסן ערשטע שנייעלעך, ווי זומער־פייגל פאַלן.

ב

די כאַטע ציטערט און זי נורעט זיך אין פוטער;
די הימלען, שלעפעריקע, וויקלען זיך אין טונקל־גרויע שאַלן;
אַ פּרעסטעלע אַ צוציקל, אַ שטיפער אַ צעגליטער,
אויף אַלע פיר דאָס דערפל איז באַפאַלן.

עס איילן שליטנס, שניידן פאַסן שניי, ווי קעזן;
עס יאָגן נאָך זיי שלאַנגען אייזצובייסן זיי די קנעכל,
און ס׳פּרואווט אַ זאַווערוכע, אי מיט גוטן, אי מיט בייזן
אַ דראַפּע טאָן זיך אויף אַ סטרעכע פון אַ דעכל . . .

שוין שאַטקעוועט מען קרויט צו זייערן אין פּעסער,
און ס'קאָכט זיך מאַקעך מיט קאַרטאָפּליעס פולע טעפּ;
עס שטייען הונגעריק די שטיבלעך מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ.

אם ירצה־השם, די צייט וועט ווערן בעסער,
(עס זאָל נאָר זיין חיונה פון דעם לײדיקן געוועלבל),
וועט מען איינזאַלצן אויף ווינטער אַ געקוילעטע קעלבל.

ג

דאָס קלויסטערל האָט אויסגעקלונגען טעמפּיקע בימבאַמען,
ווי אַ קאַװאַל װאָלט געשמידט דאָרט האַרטע אײזן־פּרעגנטעס;
גייען שקצים אום מיט שיקסעס, ווי די צווילינגען פון שטאַמען,
און ס'וואַרפן זיך אויף קוטשמעס רעגנבויגנדיקע ליענטעס.

און שנייען קלאָר־געוואַשענע צעפּליען, ווי אַ פליקערן
וואָלט פעדערן צעשאָטן פונעם פאַרטעך מיט איין שיט,
און בלאָטעס צוגעפרוירענע, צעביסענע אויף שטיקער,
קוקן בלינד־פאַרבעלמעטע פון יאַרמעלקעס פון טריט . . .

לויפן פערדעלעך פון טראַקטן מיט אַ פּינע אויפן מויל אָן,
שפּרינגען אונטער בלאָטע־בערגלעך הינטער קאָפּיטע און ראָד . . .
עס שפּאַנט דער בידנער פויער, רויט באַגאַרטלט, ברוין ווי יאָד,

מיט אַ זעקל שוויס און טרערן, ביי דעם פאָטערל צו פועלן
אַ מחילה און אַ ברכה, אַז סע זאָל אים איצט דאָס ניי־יאָר
ברענגען שלום אין דער כאַטע און די שפע אינעם שייער.

צון אַ ווייסרוסיש מיידל

א

דו ביסט אַ קינד פון שוואַרץ־ערד און פונשוואַרץ־מי,
נאָר אַ שווערע לאַפּע האָט דיך אויסגעפורעמט אין געשטאַלט
פון אַ קוסט מיט קריגלעך שטעכעדיקע ביי דעם טיר־אושאַק.

עס איז דיין טאַטנס פעלד אַרומגעפּלויטעוועט
מיט שפּיצעדיקן פּרעמדן דראָט ;
קוואַדראַטן און דרייעקן רייסן זיך די גריוועס אויס
מיט קאַם בורשטינענעם פון ווינט ;
און דו — דו הויערעסט זיך אַזוי־אַ דאָ,
און דערנעבן גליווערט דיין דערשטאָכענער געשריי
מיט אַ מעטער אין דער זייט
אין אַ קאַרעטע פון בלוט — — — —

זאָג ! צי זייבען דיינע פּיס
איינגעפּונדעוועט אין באָדן פון דיין געגנט,
ווי די וואָרצלען פון אַ סאָסנע,
ווען עס בליפּעט איר שמאַראַגדן־קרוין אין זאַמד ?

ב

דו פרעגסט, ווער איך בין ? —
איך טראָג געבראַזגעריי פון שויבן אין מיין זינגענדיקן בלוט,
און ס'פינקלט דאָס געוויין פון זויגלינגען
אויף וויעס פון מיין צער.
מיין אומה איז שוין ווידער היינט
געגליכן צון אַ שרעקעוודיקן שטשור
מיט צוגעדריקטן עקל אונטער שוואַרצער טרעטנדיקער זויל — — —

איך האָב דיר איינמאָל צופעליק באַגעגנט
ביים ברונעם שטיין,
און האָב דערזען :

אין וואַסער־שפּיגל צווײ פאַרפײניקטע גורלות
זיך פלעכטן אין אַ לייטער אויס
צו שטערנדיקער פריי,
ווי אַט ביי יענעם פאַסטעכל,
וואָס האָט געחלומט אויף אַ שטיין . . .

ג

עפן אויף דאָס פענצטער צום פאַרטאָג.
עס טרילערט שוין דאָס טרילערל פון זיען־סאָלאָווייען
אין גרין געמיט פון פריצס פעלד,
און ס׳בענקט דער פרישער שטשאַוו נאָך דיינע פרישע פינגערלעך
אין ראָוועס טויאיקע ביים שליאַך — —

אויפן גאַניק קום אַרויס.
עס האָבן שלעכטע לייט אַוועקגעשיקט געקאָוועט
די ברידער דיינע אָן אַ ברכה פון דיין טרער;
מיין האָרץ ליגט אויפגעוויקלט —
אַ בלוטיק־רויטע סטעזשקע
צעווישן די ראַנונקלען ביי דיין שוועל.

ד

ווי קאָן איך פאַר דיר זינגען וועגן שיינע וואונדער פון דיין וועזן,
ווען שלאָפסט אויף גאָלער קאַלטער ערד מיט אָפּגעדעקטע קני,
און שפּינען זויגן אין די נעצן אויס דיין בלאָנדפליגלדיקע פרייד?
ווי קאָן איך פאַר דיר פליסטערן פון ליבע,
וואָס דרימלט אין די טרוימען —
אָן אוגערקע אין די בלעטער,
ווען ס׳פּוצן אויס די פעדערלעך פון דיינע אַכצן יאָר
אָן אַדלערישן קרעל?

ווי קאָן איך פאַר דיר צוטראָגן אַ בילדל מיט אַ פריידיקן געמעל
פון יום־טוב און פון שניט אין פעלד,

ווען ס'ברענגען די פאַרנאַכטן אויף פאַראָמען
פון וואָלקנס
די רויטע וואונדן
פון דיינע ברידער די פאַרשעמטע אין דער וויט . . .

ח

זע : דער בייזער רעגן האָט זיך אָפּגעזעגנט
און אַוועקגעזעגלט מיט אַ שוואַרצן זעגל הערט אַהין,
אַראָפּ, אַראָפּ . . .

עמעץ האָט דעם דערפּעלע געשאָנקען אַ מתנה :
אַ רעגנבויגן־פּאַס אַ פאַרביקן
מיט קוטאַסן פאַרבאָרגענע אין האָריזאָנט . . .

ס'איז אויפגעגאַנגען העלע שיינע וואָר,
ס'איז אויפגעגאַנגען שאַרפע שווערד פון טרייסט.

נעם אין האַנט אַריין דיין מאַנדאָלין
און הענג אויף סטרונעס אויף
ביז לעצטן אָטעם־צי דיין טרויער :
עס צינדן שוין טשערעמכע־ביימער אָן נאָך אים
מיליאָנען ליכט . . .

גערזאַנג צו מאַרוסיען

(פון אַ גרעסערן סאָנעטן־רינג)

א

ווי קרענעצעס מיט ראָסע דיינע פיס די באָרוועסע, גיטאַרעס בלויע
שפּילנדיקע — דיינע אויגן.
אויב נישט פאַר דיר, פאַר וועמען־זשע דאָס שווימענדיקע עמערל מיט האָניק
אין די רוימען?
אָ, מויד, באַהאַנגענע מיט צויטן פלאַקסענע ביז לענד, די ליכטיקסטע פון די
וואָלינער זוימען,
ווער וואָלט נישט וועלן זיין אַ שאָטן פון דעם בלויען ווינט, וואָס איז צו
דיינע ליפּן צוגעפלויגן!

נישט איינמאָל האָבן וואָגלערס שוין מיט ציטער־ברכות אין די קניעס זיבן
מאָל זיך איינגעבויגן,
ווען דו האָסט אויפגעלויכטן אונטער בליענדיקע קאַלינעס, ווי רויטע ליכט,
דורך דורכזיכטן פון צוימען.
און כלאָפּעס דרייסטע גייען יום־טובן צו דיר מיט טאַרבעס פרוכטן,
איינגעטונקענע אין טרוימען,
און לייגן זיך דערנאָך ביי דיר, ווי טונקלע אָוונטן מיט וואונדן פון לבנות
איבער יאושדיקע סטויגן.

וואו נעמט מען ערגעץ־וואו די טייטשערס, אויסצוטייטשן יעדן טייטש
פון דיינע נישט דערטייטשטע זאַצן,
וואָס פאַלן פון דיין מויל, ווי אומבאַקאַנטע איידלשטיינער, אויף געמיטער,
ווי אויף טאַצן,
און ס'קאָן זיי קיינער נישט דערשליפן מיט רויטן שלייפשטיין אין דער
גליענדיקער נעסט פון שאַרבן?

און גייען דיינע שמייכלען אויף און צינדן אָן די ברעמען — זאַנגען צווייי
פּאַרלוירענע פון גאַרבן,
איז זיינען זיי ווי ערשטע קינדער־שמייכלען אין די וויגן, גלייך ווי
לויטערקייטן אויסגעהויכט פון אַפּרילס אינדערפריען
צו אויפגעטויכטע וויזיעס, וועלכע בלאָנדזשען אין דער סאַזשעוקע
פון דיכטערס בלוט אום — בלאָנדע מעלאָדיען.

ב

ז'אַ חידוש דען, פֿאַרוואָס ביסט שיין, אַז ס'אָטעמט אין דיין געגנט אויס
די שענסטע פֿאַרבן
פֿון מינדסטן כמאַרעלע, וואָס ציט צום רויטן ברונעמל פֿון זון זיך,
ווי אַ שעפּסל מיט געדיכטע ווייכע וואָלן,
ביז צו דעם בלאָנדן פֿאַסטעכל, וואָס בליקט אַרויף צו דעם, מיט הענטל
ביי דעם שטערן, ווי אַ דעכל, פֿון די טאָלן,
און רופֿט עס שטיל אַזוי, פֿאַרבענקט, מיט ווערבע־פּייפֿעלע, אַרומגעשניצט
מיט ווייסע שלענגלענדיקע קאַרבן.

ז'אַ וואונדער דען, פֿאַרוואָס ביסט שיין אַזוי, אַז האָסט פֿון וואָס אַזויפֿיל
שיינקייטן צו אַרבן;
ס'איז איטלעך שייבעלע אין פֿענצטערל מיט בלויס, מיט גרינס, מיט ראָזס,
מיט פֿיאָלעט דאָ אָנגעקוואָלן,
ווי ס'וואָלט אַן אינו־נראהדיקער מאָלער אומגעגאַנגען דאָ מיט פּענדזל
אין דער האַנט און מיט קאָלירן אַלערליי אין שאָלן
און פֿרישן לעבעדיקן אָטעם אָנגעבלאָזן מיט איין בלאָז אין דעם,
וואָס קאָן נישט לעבן און נישט שטאַרבן . . .

דאָ בליט אויף פֿעסטן שטאָם דער בלעטערדיקער קאַשטאַנבוים, מיט היטלען
צוקער ווייסינקע באַהאַנגען,
און די בערשטעס, שטום פֿאַרליבט, פֿאַרהייבן ספּודניצעס ביז שוואַנען־האַלדז
אין זילבערנעם פֿאַרלאַנגען
אַקעגן ליפּן גליאיקע פֿון מולדן, וואָס ציען זיך משופּעדיק אין טיפֿער
בלויעניש פֿון דרימלענדיקע חצותן.

דאָ פֿויזען פֿויזערס אויפֿן באָדן, ווי פֿון לויטער גאָלד, פֿון זילבער
און פֿון ניקלען אויסגעגאָסן
און קרעמעניעס, פֿאַרטאַשטעטע אין זאַמדן, היטן הייסע פֿייערדיקע סודות
אינעם בוזעם טיף באַהאַלטן. —
איז, זאָגט, אַ וואונדער דען, פֿאַרוואָס דו ביסט אַזוי־אַ שיין, דו הערלעכסטע
געשטאַלט פֿון פֿיל געשטאַלטן ? !

ג

אין סעדער קלינגען לאַנג שוין נישט די ציטערדיקע עכאָס פון די צאַרטע סאָלאָווייען
צעווישן גרין געפליסטערייִ פון בלעטער און געזאַנגען זילבערנע
פון שטערנדיקע צוויטן.
פיל וואָרנונגען געהיימע: „נאַכט־זינגערס פאַרהוילענע, די העלדזער פון פאַרקילונגען פאַרהיטן!"
און ס'האָבן אָפּגעצויגן סאָלאָווייען אומגעזעען, איידער נאָך די הענער קרייען, אָן אַדיעען.

שוין אָפּגעריסן זייַנען אויבסן, טריפן דופּט אין דרימלענדיקע טשופּרינעס פון הייען,
און פעלדער ביז די בלויע דאַשיקעס פון האָריזאָנטן ליגן אויסגעמאַטערטע פון שניטן;
ס'האָט זומער אַנגעזאָטלט שוין זיין פערד, אַ דריק געטאָן די שפּאָרן און אָוועקגעריטן,
צעשיקנדיק די גאָבן, ווי אַ רייכער נדבן, איבער רוקנס האָרביקע פון שליאַכן און שאָסייען.

עס פלאָנטערט זיך דער האַרבסט אַרום אין געלע פּאָסטעלעס
מיט בעטלערישער היטל —
אַ וויסטיק שנאָרערל אָן קינד און ריבד, אָן ערד, אָן וועגל און אָן שליטל,
און שפּרינגט אויף דעכער אום, אויף פּלויטן, קריכט אין לעכער און אין קויטן עפּעס קלויבן.

און דו — אַ סאָד אַזאַ, די בריסטן — עפּל הייסע, זאַפטיקע,
מיט רויטע קאַרשן אויבן,
אַ פעלד אַזאַ־אַ רחבותדיקס מיט שפּעדיק גערעטעניש, מיט פרייד, מיט זון,
מיט שאָטן —
ווי זאָל דאָס שנאָרערל נישט אויפגאַפן און קראַצן זיך אין בערדעלע:
דו ביסט אין טויזנט זומערס דאָך געראָטן!...

ד

עס טובלען זיך נישט דיינע פינגער אין קיין רויטער שיין פון רינגען גאָלדענע
מיט פלאַמיקע רובינען,
און דיינע נעגל — נישט געשוירן און געראָזלט, נישט געפּיילט
און אויגעפּאָרעמט שפּיציק דורכן מאַניקירן;
נאָר גרודעס אויסגעשפּיגענע פון לונגען מיט באַצילן־גיפט,
וואָס גליווערן אויף שאַנדיק־רייכע טירן,
זיך קלעפּן נישט צו דיינע כאַטע־ווענט, וואו ס'זשומען פּראַצע־טעג,
ווי אין אַ בינשטאָק בינען.

אַרומגעטעסעט, ווי אַ האַק, האָט האַרעוואַניע דיינע נעגל,
אויסגעשאַרפיקט זיי, ווי שאַרפע קלינען,
צו גראָבן זיך אין שיכטן ליימיקע און זאַמדיקע, באַגאָסן זיי מיט ברוינקייט,
ווי מיט בירן;
די פינגער שפּראָצן, ווי קאַרטאָפל, מיט מאָזאָליעס, בראָדעווקעס
און אָנגעבלאָזענע געשווירן,
וואָס שמירן אויס מיט אייטער אויפגעדעקטע הוילע לייביקייט פון נאַזנדיקע
דעסיאַטינען.

עס ציען זיך נישט מעלאַנכאָליעס פון דיין שויס, ווי צויגן, אויסגעצירט אין
זילבערנע בראַסליעטן,
מיט פוילע מידע לאַפּעס, אויסגעצערטלט, ווי פון פּאַכערס זיידענע, פון
דלאַניש־ווייכן גלעטן,
צו לעקן שוים, ווי שנייען אויפגעלאַפּענע, פון פולע בעכערס ווײַן, וואָס
אויף די ווייס־סערווירטע טישן . . .

פּאָר מידע טויבן, אָנגעפלויגענע פון פרעמד, עס אָטעמט וואַרעמקייט דיין
שויס — אַ ווייכע קישן;
דיין ברוסט — געשטעלט מיט וואַסער אויף דער שוועל, אין ווינקלען און אויף
פענצטער־ראַמען
פּאָר פּיסקעס אויסגעשטרעקט פון הונגעריקע ציגן און פּאָר הינער אָן אַ
זאָרגעוודיקער מאַמען.

ה

דיך האָט געהאָדעוועט דער פּראָסטער האָרעפּאַשנער קיניג מיטן
אָקסן־קאַרק און געלן שטערן,
וואו ס׳איז געקריצט, ווי אויף אַ קופּערנעם עמבלעם, ס׳דערהויבנסטע
געבאָט פון די געבאָטן:
עס וועט די נאַכט דיר אויסבאַקן געשמאַקע ברויטן צוועלף, מיט קימל און
מיט מאָן פון רו באַשאָטן,
ווען דו׳סט בייטאָג די לייבלעכע צען שטומע דינער פון די הענט מיט פולע
שיסלען מי דערנערן.

נאָך ליגנדיק אין וויגעלע פון ווערבעס, האָט ער דיר באַוואָפנט שוין
מיט יענע פאַנצערס און געווערן,
וואָס האָבן קיינמאָל נישט באַלאַסטיקט שווער די טרעגערס און די צילן נישט
דערצילעוועט, פאַראָטן;
אַ וואָגשאָל, זאָגט ער, איז דאָס לעבן, ס׳ליגן נחתן אויף איין שאָל, אויף איר
שוועסטערל — קלאָפּאָטן,
און ס׳דאַרף דאָס צינגל שטיין אינמיטן, ווי אַ סטרונע אויסגעצויגן, נישט
אַהין און נישט אַהער זיך קערן . . .

דערצויגן האָבן זי אַזוי די אָבות זיינע מיט די רויטע גאַרטלען, מיט די
העמדער איבער הויזן,
אָט יענע הונדערטיעריקע, וואָס פלעגן קעפּ פון קינדער פונעם פערטן, פינפטן
דור אַזש אין די שויסן לויזן,
און אָפּוואָרטן מיט דראָענדיקער האַק, עס זאָל דער שוואַרצער נאַר פון די
מאַהילקעס זיך באַווייזן.

דו טראָגסט געטריי די רייד פון טאַטן און פון זיידן, ווי עס טראָגט אַ בוים
אין לייב די קרייזן,
און ווילסט זיך נישט אַרויסרייסן פון דאַליעשער באַשטימונג, ווי עס וויל דער
וואָרצל נישט אַרויס אַליין פון טיפן,
און ס׳ווערן דיינע פריידן פון די דאגות, און די פריידן,
איינס פון צווייטן אויסגעשליפן . . .

לידער

א

פון מדברס ליטווישע מיט פריזבעס גרובע און מילן איינגעגליווערטע,
ווי לעגענדאַרע פויגלשע סקעלעטן,
איך האָב פאַרקייקלט זיך צו דיינע טויערן די דאָרפישע —
איך בין אַ טרער פון ליטעס גראָער ברעם.
און כאָטש זי איז אַ טראָפּן אין דיין ים, ווייל נאָך אַ שוואַרצער קוויטל
האָט דיר אַרויסגעצויגן
דיין גורל, ווי אַ פּאַפּוגיי, —
דאָך זייגט זי אַלע שיינקייטן אַריין אין זיך אָן מאָס.

האַ־הו! האַ־הו! די וואונדערלעכע, כישופדיקע נעכט אין פלאַם פון יאַנואַר:
לבנה ציטערט, ווי אַ גרין־ווייסרוסישע מעלאָדיע, אינעם הימלשן געמיט
מיט ליכט פון אייביק זיין,
און ס'קאָן אַ שוועבנדיקע כמאַרע נישט פאַרלעשן זי,
פאַרטונקלען מיט דער שוואַרצער שלעפּ;
די שטילקייט זיצט אין בלויער ספּודניצע, פאַרהויבן ביז די קני,
ביי קאַשיקעס פון בריגעמער און זעט,
ווי שטערן זאַפּטיק־רויטע לאָזן זיך אויף גרינע שטענגעלעך אַראָפּ —
אַראָפּ צום קלאָרן שניי
און זינקען איין, ווי פּאַזימקעס אין קילער סמעטענע,
מיט פרישער בלישטשעריי, מיט זעטיקייט און רייץ;
אַ קאַליקע אַ צלם מיט אַ לאָמען פיסל זעט ביי סלופּעס פון אַ שטאָל
אַ יונג זיך קלייפּן צון אַ גליענדיקער מויד,
און אומגעריכטערהייד איז אויסגעפורעמט שוין
אין שניי־געלעגער איר געשטאַלט, וואָס כליגעט זיך, ווי זי,
אין אַ מתיקותדיקן צער און רויטער פרייד . . .

היי־הו! היי־הו! איר וואונדערלעכע נעכט!
עס זייגט און זייגט די טרער פון ליטעס גראָער ברעם.

ב

— היי, בלאָפּצעס! נו, לאָמיר פאַרגעסן, אַז שאָטנס אין לעדערנע קורטקעס,
אין דאַשעקעס שוואַרצע, ווי פליגלען פון ראָבן,
זיך דרייען אַרום אונדזער כאַטקע, ווי גולמעס שטומע,
וואָס זיינען נישט אויסן קיין רויב און קיין פאַדלע.
— צי, צי די האַרמאָשקע, שפּיל, שפּיל אויף גיטאַרע
און רייסט אָפּ די טאַרבע מיט ווייטיק אויף האַלדז פון דער דאַליע!
מיר האָבן געאַקערט, געזייט און געשניטן, און ס'זיינען פאַרבליבן
בלויז פּלעוועס, און קייטן, און שטילע געוויינען!
— היי, גרעסער די טאַנצראָד!
עס שליידערט איצט עמעץ אינדרויסן אויף שפּיצלען
מיט ליילעכער ווייסע געטונקען אין טויטן!
היי, העכער די פּויק ודאַרט!
ווי פריי וואָלט זיין אָטעם,
און יוליקע ווינטן געקושט וואָלטן פלאַקסענע קודלעס! —

און ס'פלאַטערט די ראָד פון רובאַשקעס מיט קוטאַסן רויטע
ביי צייטיקע בוזעמס פון פלאַמיקע מאַריעס,
באַלויכטן פון לעמפּלעך אויף דראָטן, מיט פאַרביקע דינע פאַפירן,
צעשוירן אין צויטן, אין שפּיצן, אין קווייטן;
און ס'בלישטשען די אויגן, ווי אַגרעסן גרינע,
פאַרגאָסן מיט טוי און מיט שיין פון צעצונדענער זריחה — —

עס כוואַליעט, עס כוואַליעט דאָס דאָרפוואַרג, געראָטן מיט ווי און מיט חדווה,
צעפעלדיקט ביים שליאַך פון פאַרגעסן . . .
— נו, ניטע איוואַן־לעב,
דו רייב נישט מיט שטעכיקער באַרשט פון דיין מאָרדע
די באַק פון מיין מוידקע, אַזוי ווי אַ שטיוול,
און נאָר אָן געשלעגן,
און ברום נישט, אַזוי ווי אַ טויער אין בערע, אָן זינען;
אָט־אָט, ווי עס פאַסט פאַר די ווואילע ווייסרוסן!

— אָ, טייבעלע מיינע! וועסט וויזן מיר נאָך דער הוליאַנקע
ווי דו וועסט אַ פּיר טאָן אַ בליציקן שליטן געזאַנגען און אירע
אַראָפּ־און־אַרויף און אַרויף־ און־אַראָפּ אונטער הימלען,
באַפּוצטע מיט פּאַטשערקעס שיין און קאָרעלן,
און האַלטן די לייצעס, ווי סטרונעס, און צוימען אַ צווילינג גאַלאָפּערס:
דעם ערשטן ביים דישל, דעם צווייטן ביי טאַליע . . .

עס שווינדלט די ראָד פון רובאַשקעס מיט קוטאַסן רויטע
ביי צייטיקע בוזימס פון פלאַמיקע מאַריעס,
אָן ברכה, אָן רעגן פון צלמימלעך בלייערנע קליינע,
אויף סטעזשקעלע שמאָלן צום סעדל פון זאַפטיקע עפּל.
עס כוואַליעט, עס כוואַליעט דאָס דאָרפוואַרג, געראָטן מיט ווייַ און מיט חדווה,
צעפּעלדיקט ביים שליאַך פון פאַרגעסן!
וואָס שאָטנס, ווען שאָטנס, אַ רוח אין די מאַמעס!
זיי וועלן אַליין, ווי די וועלף, מיט די ביינער זיך וואַרגן
און בעטן דערנאָכדעם באַטשאַנעס און פּאָפּן,
זיי זאָלן מיט שנאָבלען זיי ברענגען דאָס אייביקע לעבן!!

אין שניט

(סאָנעטן)

ג

מיט גריוועס שטויביקע, מיט קעפּ אַראָפּגעלאָזטע —
אבלים מידע, איבער די שאָסייען
דערשלעפּן פּערד די ברכהדיקע גאָב פון ערד
צו צעפּ־געפּאַך און דרעש־מאַשינען.
די סאָסנע־וועלדער שטעלן אָן די נאָדלען, ווי אַ שנאה־זעגל
וואָלט זיי דורכגעבליצט אין זינען,
און וועווריקעס צעשפּרינגען זיך אין טיפעניש,
ווי בלאָנדע קלאַנגען, און פאַרגייען.

עס טרעפט: די פערד צו שטאַלן היימישע
פאַרקירעוועו אַליין זיך און פאַרדרייען
און בלייבן שטיין מיט אומרו אין די מאָרדעס,
אויפגעשפּיצט די אויערן אינמיטנדרינען,
און הירזשען ביי דעם טויער, עס זאָל עמעץ די אבדות
אומגעריכט צוריק געפינען,
דערלאַנגען זשלויבן פון מנוחה זיי מיט פרישע שמעקעדיקע הייען.

זיי וואַקסן אָן, זיי וואַקסן אָן, די גאָלדענע עשירותן,
ביז קראָקוועס אונטער דעכער
פאַר מאָטאָרס רוישיקע אין שטעט, פאַר אויסגעפּאַשעט־שלעפעריקע זאָדן,
פאַר אָונטן מיט גליענדיקע אומען און מיט קעצישע
צעב/ל/יזנעוועטע גראָדן.

און פעלדער, נאַקעט־הוילע, מיט קעפּ געגאָלטע, זעען אויס
ווי עלנטע פאַרברעכער,
ווי שולדיק, וואָס דעם פויערס פּנים ווי אַ האַלאָוועשקע פון אַ שפּאָן איז,
און ווי אַ שונא שרעקט זיי שוין דער בלישטש פון אַקערס און פון בראָנעס.

ד

די זונטיקס קאַרמעט מען, ווי וואָך, מיט טערפּקע באַרעלעך,
פֿון הפקרדיקע ביימער אָפּגעריסן,
מיט גריזשענדיקער מורמלעריי פֿון פּריצישער,
פֿון באַלעגופֿישער געדעטעניש און שניטן;
ביי זקנים זיפּצן די פּאַטילניצעס: נישט בלויז דער וואָגן
איז צעבראָכן, נייערט אויך דער שליטן,
און ס'וועלן ווינטער־טעג אין ווייסע פּעלצן אונדז
ווי יעגער האָזן הונגעריקע, שיסן.

די באָבעס שלאָגן באַקעטוואַרג מיט קללהדיקע דראַפּטשעס
האַרטנאַקיק און פֿאַרביסן,
און זיי באַדויערן די שיקסלקעס, ווי פֿלאַנצונגען פֿאַרוויאַנעטע
אָן רעגן און אָן צוויטן.
די כלאָפּעס שפּאַנען ביי די טייכלעך אום, דערמאָנענדיק די
קדושים, וועלכע האָבן צום אויף פּויסט פֿאַרביטן,
און קלאָגן, ווי הושענות, ווען די שקיעה נעמט מיט שלאָס פֿאַרבלוטיקטן
דעם טאָג פֿאַרשליסן:

וועט קומען נאָך אַ צייט צו אונדז מיט צייטיקייט פֿון גריינס און אויבס,
באַזוניקט און באַזומערט,
ווען ס'פֿאַלט די אוגערקע אויף אַקסל פֿון אַ בוריק,
ס'פֿאַרט מיט די אַנטאָנען זיך די פֿאַנע,
און שייערס טרייסלען בערד פֿון תבואה־סטויגן: נעמט איך,
האָט הנאה און זייט אַנדערע מהנה?

פֿאַרוואָס אַזויפֿיל דערפֿעלעך מיט וויעס אין דער קראָפּיווע
פֿאַרשעמטע און פֿאַראומערט?
עס ענטפֿערט דעם אָרום מיט דעמערונג דער טונקלער צונג
פֿון קלויסטערישע גלאָקן,
און שטיל לבנות שווימען אָן, ווי היטלען בעטלערשע אָן דאַשקעס,
ציטריק און צעשראָקן.

מיינע פּשוטע שוועסטער

מיינע פּשוטע שוועסטער,
מיינע פּאַסטושקעס און שניטערינס מיט די בלאָנדע צעפּ,
רופן מיך פון לאַדזשער טראַטואַרן
צו מאַכן פריזבעס און שטרויענע דעכער.
איינגעקאָרטשעטע אויף קלימעקעס
מיט בורשטינענעם סעפּטעמבער אין געוויג פון געאָרגינעס,
שטרעקן זיי תּחנונימדיק די הענט
צום בין־השמשותדיקן פּראָפיל פון מיין נאָמען:
ווער וועט אויספּייפן אויף בלוטנדיקע פייפעלעך
דעם טרויער פון פאַרצוקטע סטאַדעס
און דאָס קרעכצן פון זאַוויסיעס,
ווען ס'נעמען שלעכטע צו דאָס גאָלד
פון ווייץ און קאָרן?

שוועסטער, מיינע שוועסטער!
ס'האָט אַן אַרבעטער מיט מעסער פון סירענישן געוואַי
אַרויסגעשניטן און פאַרנומען מיר מיין האַרץ
אין די גרויע ליידיקע קעשענעס, —
ווי קען איך גיין אַצינדער שוין אַהיים?
ווי העלדזער גאַוואַרדיקע פון פאַרבאַרגענע פאַרברעכער,
האָבן קוימענס
פינעס טונקעלע
היינט אַריינגעפינעט אין דער זון —
אַ שפּייקעסטל ביים ווינקל פונעם האָריזאָנט, —
ווער וועט ראַטעווען די זון?
אַט־אָט וועט אויפגיין איבער שטאָט
אין דעם געשטאַלט פון דער לבנה
די בלייכע, הונגעריקע וועבערין,
געקרייציקט אויף דער וועבשטול
פון אַ כמאַרע.
וועמעס ליפּן וועלן איינזייגן די תּפילות —
פאַסמעס האָר צעוויקלט פון איר פּיין?

שוועסטער, מיינע שוועסטער!
מאָלט צום לעצטן מאָל מיר אויס
אַ יאָדלע־וועלדעלע צעגרינט,
מיט מוראַשקעס און יאַשטשערקעס
געפאַנגען אין דער שאָטנדיקער נעץ
פון דעם געצווייג;
אַ סטאַוו אַ לויטערן,
וואָס רינגלט רינגען מיט בריליאַנטן אויס
פאַר די ציטערדיקע, טרויעריקע ווערבע־פינגער
אינעם ווינט
און אַנטרינט, אַנטרינט
צו די דערפלעך פון ווייסרוסלאַנד,
ליטע און וואָלין.

פּעאַראַסיעס טויט

(פראַגמענט פון אַ פּאָעמע „פּאַלאַשקעס טויט")

א

פּעאַדאַסיע, אַט די פון סאַלאַוויטש,
איז געגאַנגען צום ברונעם מיט אַ ליידיק עמער
און מיט פולע אָנגעקוואָלענע בריסטן,
פאַרקאַרקעוועט מיט ברוינע קאַריקעס,
אין פּאַזוכע.

ווען זי האָט אַרויסגעצויגן דאָס עמער מיט וואַסער
מיט נאָך אַ פּעאַדאַסיען, ווי זי,
מיט אַ קיילעכדיקער זון אויפן דנאָ,
ווי אַ גילדענער מעדאַל פונעם אָפענעם הימל־טייסטער, —
האָט זי זיך פלוצעם צוגענאָגלט
צום אייגענעם שאָטן אויף דער ערד,
ווי צו אַ צלם,
און פאַרלוירן די שווערסטע און גרינגסטע פון אַלע משאס —
דאָס קינד פון איר לייב.

איז געקומען די ליכטיקע מאַריאַ פון פּאָטשייעוו
אין געשטאַלט פון יוני־ווינט,
פאַרהויבן די ספּודניצע
און צוגעדעקט איר פּנים,
זי זאָל זיך נישט שעמען פאַר דער הון,
וואָס לייגט אייער אויפן סטויג אין שייער
און מיידט אויס פונקען פון מענטשלעכן אויג.

ב

דער פאַרנאַכט האָט זיך אויסגעפּוצט
אין אַ בלוזע מיט פאַרביקע סטענגעס און פרענדז.
און איר מאַן, וואַסיל, אויפן פּאָסטאַווי,
מיט דער האַנט ביים שטערן, ווי אַ דעכל פון אַ גאַניק,
האָט געטראַכט,

אַז אין כאַטע איז אַריינגעקראָכן שטיל אַ סוד,
ווי אין שאָל אַ טשערעפּאַכע,
ווייל עס שפּרינגט נישט פונעם קוימענדל קיין רויכל —
אַ שעפּסל אין אַ שמוישעלע פון וואָל.

האָט ער אַ כאַפּ געטאָן די קאָסע
און געאיילט אַהיים,
ווישנדיק די נאָס־באַטויאיקטע פלאַכן פון די פיס
אויפן סטעזשקעלע — אַ שמאָלער לייוונטענער האַנטעך,
וואָס אַ גייער האָט פאַרלוירן דאָ פון פאַק.

ביים ברונעם האָט זיין בליק —
אַ האַטשיק פון אַ ווענטקע,
געפאַנגען אין אַ סאַזשלקע פון בלוט
אַ פישעלע מיט גאָלדענע פלוספעדערן פון האָפנונג:
דאָס געפלאַכטענע וויגל פון ווערבעס,
וואָס וואַרט שוין כמה יאָרן אויפן בוידעם,
ווי אַ ליידיקע נעסט אויף אַ שוואַלב,
וועט אפשר שוין אַרויסוויגן
זיבן זונטיקן פון פרייד פון וואָכעדיקן אומעט.

ג

האָט וואַסיל אַריינגעשטעקט דעם קאָפּ
אין פירקאַנטיקן שטיק פאַרנאַכט פון טיר־אושאַק
און דערזען פּעאָדאָסיעס אויגן —
געפּרוירענע גרודקעס קרייד,
און די שכנה מאַרוסיע —
אַ זאַק מיט אַ פאַרשטאַרכעטן טשוב אין קינדס זויגעוודיקע ליפּן.

איז אויסגעוואַקסן אים דאָס האַרץ,
ווי אַ צייטיקע דיניע מיט יאָדערן פון שיין.

מאַרוסיע אָבער האָט גענומען זייען רייד פון מויל,
ווי דורך אַ זשאַווערדיקן זייער:
— עס שטייט דער טויט צופוסן ביי דיין באָבע

און זשליאָקעט אויס די גאַנצע רויטע יושקע
פון איר אויפגעפּראַלטן קוואַל . . .

איז וואַסיל געפאַלן אויף דער פּאָדלאָגע,
ווי אַ טונקעלע סטראַשידלע אינעם ווינט.

און שפּעטער האָט ער אויסגעקערעוועט
די הינטערשטע צוויי רעדער פונעם וואָגן
צו דער כאַטע אין דער שטרויענער פּאַפּאַכע
און גאַלאָפּ געפאָרן באַרג־אַרויף און באַרג־אַראָפּ
אַהינצו, וואו עס איז געהאַנגען
דער דאַך פונעם שטאָטישן קלויסטער,
ווי אַ באָרדער קאַפּישאָן,
מיט אַ גאָלדענעם סקעלעט
פון אַן אָפּגעשונדענעם פויגל אויפן שפּיץ.

און דריי מאָל האָט וואַסיל געבוקט זיך
צום בויך פון דאָקטער אין צילינדער,
און דריי מאָל אויפגעפּוישט דעם סנאָפּ
אונטערן דאָקטערס בייז געזעס,
און זיבן מאָל געשאָלטן
דעם אַנפּלי פון וואָראָנעס שוואַרצע אויפן קאָפּ.

און ווען ער איז געקומען צו זיין שוועל — —
איז ער געבליבן ליגן, ווי אַ קופּע אַש
פון פּעאָדאָסיעס אויסגעלאָשן לעבן.

און ס׳האָט דער פּאָפּ געצייכנט
מיט האָריקע פינף פינגער, ווי אַ בערשטל,
אונטער זיין באָרד
די פיר זייטן פון דער וועלט.

בערטשיק גייער

בערטשיק גייער טראָגט אויף לייב די בין־השמשותן פון דערפער,
גלייך ווי לייוונטענע העמדער,
און אויף אַקסל — הענגענדיקע קלימעקעס, ווי קראָמיסלעך,
מיט מיילער צוגעבונדענע,
וועלכע ווייסן ווי בסוד צו האַלטן בילדער הייליקע
פון יעזוסלעך מיט פרומע אַפּאָסטאָלן.

בערטשיק גייער האָט אַ פּנים געל־באַנאַדלט, ווי אַן אָסיענדיקע יאָדלע,
און אַ בינטל שטייפע פינגער, גלייך ווי שטאַרצנדיקע פענקעס;
נאָר עס קאַרטשעט איין זיין פּנים, אַט למשל ווי אַ יאָזש, זיך,
און עס ציטערן די פינגער בעתן גנבענען אויף בעזמען
ביי דעם פויערל די לויטן.

האָט ער, בערטשיק, שטאַרק תרעומות אויף דער כאָפּטע פוסטע ווינטן,
וואָס באַגעגענען אים אומהיימלעך, מיט אַ שלום אַזש אין אַרבל,
און פאַרפּלעכטן זיינע פאות, ווי די שוסטערוקעס — דראָטוועס
אַז דער רוח זאָל זיי נעמען!

נו, איז בערטשיק זיך געגאַנגען נאָך הבדלה
(ס'הייסט באַלייטנס נאָך פאַר ברכו),
ווי זיין שטייגער, אין אַן אָסיען,
ווען די ווינטן זיך צעמיאַוקען, גלייך ווי קעצעלעך וואָס פרירן,
אויף אַ גרעבליע אַ פאַסקודנער, וואָס האָט משמע
בישט געפונען נאָר אַיין עובדה
צו פאַרוואַרפן פעטליעס בלאָטיקע אויף העלדזער
קראַנקע און געשוואָלענע פון שטיוול —
און ער קלערט, אַז ער איז זינדיק . . .
אַז לאַ־די וואָס ער האָט גאַרנישט,
כאָטש איין מעסטל עולם־הבא, איינגעהאַנדלט;
און דער אורח וועט אַ קלאַפּ טאָן:
„העי, רב בערטשיק,
צי נאָר אויסעט דיינע לאַפּעס,
דיינע טרוקענע טשומאַקעס,
עפּעס דאַרף מען דיך שוין האָבן,

און, פאַרשטייט זיך,
נישט צו עסן „דאַרט קיין גריזון" —
נעמט ער, בערטשיק, געטער, פרעמדע געטער
און פאַרקויפט זיי פאַר די אײדלע האָר, וואָס וואַקסן
אויף די שטינקענדיקע רוקנס פון בכבודע חזירים . . .

וואַיען קעצעלעך, וואָס פרירן,
נעמען דראַפּען זיך אויף פּאָלעס,
נעמען קלעטערן אויף קאַלנער;
און אין הימלדיקער נאַרע שלאָפן כמאַרע־בערן.

שלעפּט זיך בערטשיק — אַ שטיק אָסיענדיקער טרויער,
און פון זיינע יאַסלעס שניידן זיך די ציין פון וועלט־באַנעמען.
הייסט עס; נעמט מען פרעמדע קינדער,
יעזוסלעך אַזוינע גוטע,
זויגלינגען פון וועלטן־שעפער,
און מע בייט זיי אויף שטשעטינעס פון פאַרשטונקענע חזירים —
עולם־הזה, עולם־הזה וואָלט באַדאַרפן
כאָטש אַ מעסטל אונדזער וועלטל,
אַז דער רוח זאָל עס נעמען! . . .

1932

אין געראַנגל מיט די זיידעס

(סאָנעטן)

א

פאַרטשעפּעט מיטן לינקן פוס דאָ שטיי איך נאָך ביי אייערע צעפוילטע,
באַמזוזהטע און כורעים־פאַלנדע אושאַקן.
הגם מיין רעכטער לויפט שוין דרייסט צו פערדעלע און אַקער, איידער נאָך די
הענער זיך צעקרייען.
אָ, זאָגט, ביז וואַנען וועט איר נאָך, מיתבודדים באַקיטלטע, באַשטריימלטע,
מיט בלוטלאָז־בלאַסע באַקן,
אַזוי־אָ אויף די דימיונדיקע אַקסל מיינע, גלייך ווי שווערע קאַרוסעלן,
דרייען זיך און דרייען?

איך האָב געלאָזן איין און צוואַנציק יאָר אויף פּאַוועטינע־הענגערס אין די
שטיבלעך אייערע צעהאַנגען,
איך האָב אויף מערק געביטן די פאַרפלאָנטערטע און טויטע ספרים אייערע
אויף פּראָסטע שוואַרצע דעסיאַטינען,
און כ'האָב צעשאָטן דאָ די זריעות מיינע, — נו, זיי האָבן אָנגעקוואַלן,
גרין צעצונדן זיך און אויפגעגאַנגען.
טאָ זאָגט ביז וואַנען וועט איר דרייען זיך אויף מיינע דימיונדיקע אַקסל
מיט אַזאַ פאַריבלדיקן נשט־פאַרגינען? . . .

און פלאַטערן נאָך שוואַרצע קללות, גלייך ווי נאַכטיקע וואָראָנעס, פון די
גוססדיקע כאַרכלענדיקע יונגען,
און קריצן נאָך די ציין פון שוועסטערלעך געטראָטענע, געשענדעטע אויף
שפּעדיקע ערדן פון אוקריינע, —
איז זאָגט, ווי לאַנג זשע וועט איר האַדעווען און כאָוועץ אָט דידאָזיקע
נקמה־מאָנענדיקע, בלוטנדיקע טענה?

און אפשר גאָר אַ שלום מאַכן און פאַרפאָרן, ווי עס פאַרט אַ שניידער ביי
אַ שער צונויף די קלינגען,
אייך, אָט די תולה־על־בלי־מהניקעס, מיט צערן שכינהקע אין בלויע
קישעלעך פון אָדערן,
מיט יענע די, וואָס שפּאַלטן זיך פון פריידיקייט, ווי דיניעס צייטיקע,
פון שפּאַרנדיקע אָדערן.

ב

ווען ס'שלאָפן נאָך באַגינענס אין די מעזשעס, ווי אין שמאָלינקע
גלעגערלעך, פון מיינע לייוונטענע הויזן,
און כ'שפּאַן אַ קרעפּטיקער, אַן אָנגעלאָדענער מיט ערד־מכשירים אויף די
אַקסל און אויף לענדן —
באַגעגן איך אייך, איילן שוין אויף שטעקנס סענקעוואַטע מיט טליתים און
מיט תפילין צו די קלויזן,
אַזוינע קאָרטשעס מדברדיקע, טרוקענע, וואָס ברענען, און די פייערן נישט
קאָנען זיי פאַרלענדן.

— אָ, שלום, זיידעס טייערע! געטראָפן שוין מסתם זיך מיט תשבי און
בשותפות אָפּגעפּראַוועט חצותן.
— עליכם שלום, אייניקל! אָפּנים דו ביסט מקדים זיך נאָך פּאַר טראַכימען
און סטעפּאַנען, —
זיי נעמען אָן פון האָרנפּושקעס פּולע זשמעניעס טאַבאַקע, אַ שמעק —
און אָפּגעגאַסן:
אַזוי, אַזוי־אַ טרעפן מיר זיך שלום אָפּצוגעבן, נאָר די דרכים אונדזערע
צעגייען זיך פון דאַנען...

זיי לאָזן זיך מיט טריטעלעך מיט דריבנענקע, ווי קאַרליקעס ווייסזאָקיקע,
אין חשכותדיקע בלאמען
אַוועק אַהין, וואו אָבלשע נר־תּמידן מיט רויכלעך סאָזשיקע, ווי ווינען,
היטן, ווי אַ בר־מינן, דעם אָרון,
און זיפצן יאָושדיק: פאַרפאַלן אונדזער ברוכל! ער וואַקסט אין מיסט דאָרט,
ווי זיין ווייץ און קאָרן.

ס'איז אמת, אַלטינקע, איך וואַקס פון ערדנס איינגעווייד, אַזש עס שפּראָצט
מיין לייב מיט אויפגעגריבנטע פלאַמען,
און דרכים אונדזערע, ווי פאַליוסן, דערווייטערט זענען, ווי זיי וואָלטן זיך
צעשראָקענע, אומזיניקע צעלאָפן;
נאָר ווער קאָן וויסן, אויב אַ רונדיקייט נישט רונדיקט רונד אַרום
די רונדיקייט פון זייערע אין־סופן...

ג

פון זינט איך עס מיין אייגן ברויט דאָס אָנגעקימלטע און טרינק מיט וואַסערן
פון קאַריטע זיך ווי אַ פערד אָן,
זיך וואַרעמען און פיקן אויס אין נעסט פון מיין אינזיכיקייט די טייבעלעך
פון גלויבן און פון האָפן,
אַז וועלפל־מענטש וועט בוקן זיך צום לעמל־מענטש און ביידע וועלן נעמען
קאָוען אַקערס פון די שווערדן,
וואָס זייערע געקלאַנגען וועלן זיך צעקלינגען אַזש פון מזרח ביז קיין מערב
און פון דרום ביז קיין צפון.

פון זינט איך טראָג די לאַסט פון אַרבעט און פון פריי זיין, ווי אַ כאָמעט
אויפן קאַרק, אַקעגן וועלט און קעגן לייטן,
האָב איך אַ גאָט מיט מיין געדאַנק, ווי מיט אַ סנאָפּ אַן אָנגעצונדענעם,
געטאָן אין זיך אַנטפּלעקן,
אַ גאָט, וואָס איז די פאַרבאַשטימונג פון מיין טראָט, מיין טראָט אַליין
מיט אַלע זיינע ריכטיקע און ליכטיקע באַטייטן,
וואָס איז דאָס פלאַטערל דאָס שאָטנדיקע פון מיין שיין און איז די שיין
אין אַלע מיינע פלעקן . . .

און ווען עס בליען די באַגינענס אויף און פליען, גלייך ווי שוואַלבן
אויפגעוועסנטע, אַרויס פון מיינע פויערישע הויזן
און פליען ווייט אַרויף אויף מיינע לאַנדשאַפטן די אויסגעפּוצטע אין
צעשויבערטער — פון פייגעלעך און בלעטעלעך — גירליאַנדע,
און ס׳רייסט די זון זיך פונעם אַנקער אָפּ און שווימט אַרויס — אַ שיפעלע
אַ קיילעכדיקס פאַרפּלאָנטערט אין געמויזעכצן אין בלאָנדע, —

אַ, ידעמלט שטרעקט מיין קערפּער אויס צוויי הונדערט אַכט און פערציק
אברים, ווי גאַרנדיקע, ציטערדיקע רויזן,
און שיקט אַ לויב צו אים — צו אים, וואָס פּאַמפּעט זיי מיט אומדערמידיקייט,
מיט זאַפטן און מיט פרישן כוח אָן
און קנוילט פון זייער קרעאַטור אַרויס זיך אין דער טונקעלער געשטאַלט
פון די באַגינענדיקע רויכן . . .

ד

און די באָבעס שטריקן זאָקן, און די זיידעס פּיפּקען ליולקעס.
— אַך, אַן אורח שוין ביי אונדז היינט! ברענגסטו, קינד, כאָטש גוטע גריסן?
— גוטע, גוטע, באָבעס גוטע! נאָט איך גרינוואַרג ערשט געריסן,
נאָט איך קאַרזשיקעס, נאָך וואַרעם, נאָט איך ווייסע פּוכקע בולקעס . . .

— אַז לאַנג לעבן זאָלסטו, קונדס!
זאָל דיר גאָט די ביינער בענטשן;
אָנגעחומרט — נישט דערקענט שוין.
ווייז דאָס פּעקעלע, צעבינד עס . . .

ווערן זיידעס בייז און בייזער,
נעמען שנייצן זיך די נעזער,
נעמען כראַקען, נעמען שפּייען.

נעמען קראַצן זיך און קוועטשן:
— כע־כע! כע־כע! אַ גדולה אויף די חוהס! ס'האָט די שלאַנג זיי אָנגערעדט שוין.
ווי דאָס האָט זיך עס צעדאָסט שוין — אַ מתנה ברענגט זיי קין . . .

ה

עס שווייגן אָפּגעשמיסענע די באָבעס, זיצן זיך פאַרגליווערטע, ווי גרודעס
זאַלץ, עס צוקן בלויז די שלייפן;
ווי בעזעמער מיט ריטער אויסגעריבענע, פאַרקליבן האָבן זיך אין ווינקלען
אויפברויז און געבייזער;
נאָר זיידעס שפּאַנען אַלץ נאָך אום מיט אָנגעדראָדלטע אַראָפּגעלאָזטע נעזער
און שאָקלען מיט די קעפּ, באַזייפט מיט ווייסער אַלטקייט, ווי מיט שנייאיקע
און ווייסע זייפן.

און טרערן קויטיקע פון אויגן־רינוועס גליטשן זיך פּאַוואָלינקע,
ווי ווערעמלעך — די זיידעס מיינע וויינען:
עס האָט אַ דימענט אָנגעוואוירן אונדזער האַרבעריק, אַ דימענט וואַלגערט זיך
צו אַלדי רוחות אין די גנויען;

אַז ווי די אויגן אונדזערע, וואָס האָבן עס דערלעבט און קאָנען זיך אַליין
עס נישט געטרויען!
עס איז דערגאַנגען דער מוזיניק, ווי איוואַנטשע, שוין דעם טיפן סוד
פון בורעקעס און כריינען . . .

עס בלאָנדזשען בליקן אום און קריכן אין מיין לעדער־לייב, ווי שפּיציקע
און שאַרפע אָלן;
פון באַקן איינגעפּאַלענע, גערונצלט, קווילן פּיינען זיך אַרויס,
ווי בין־השמשותן פון טאָלן,
און זעצן זיך געדיכטע אויף די דנאָען פון די באָבעשע געמיטער —

אַז ווי דער עלטער אונדזערער! מיר האָבן זיך דערלעבט אַ גוי
מיט פּאָסטעלעס, אַ זייער און אַ שניטער;
נאָר זאָג אונדז, דו כאָמולע איינער, הפקרניק, פאַרשווּעכער,
צי האָסטו כאָטש געפונען, גייענדיק מיט אָקער אויף דיין פעלד,
פון קדושים טויזנטער אַ ביינדעלע, אַ זכר? . . .

וו

אַ, זיידעס, איך בין גלייך צו גרויסע גלאָזן, וועלכע ווילן נישט און וועלן
זיך נישט איינפּאַסן אין אייערע צו־קליינע ראַמען.
איך בין אַליין דערווײַלע אויפן שליאַך, וואָס איז אָן ספק יעדערנס,
כאָטש ווייניק, ווייניק האָבן נאָך אויף אים געטראָטן;
איך זע דורך אויגן־שייבעלעך די ערד־קויל אינעם עתיד, ווי אַ מוראַשניק,
מיט פּויערלעך באַשאָטן
און זע בתוכם, ווימלענדיק, אויך אייך — די לײדנדיקע למד־וואָווניקעס
מיט בייזע און תּרעומותדיקע ברעמען . . .

עס האָט געיאָגט מיך דאָס אַנערדיקייט און וואַרטעניש אויף גאולה דורכן
הייליקן אַלמעכטיקן אל־מלך־נאמן,
עס האָט געפּאָלגט מיך דאָס דור־דורותדיקע טרייסטן די אַנטרייסטיקע
און נעבעכדיקע מיט די הייליקע א ח ד ן;
אַ משפּט פּאָדער איך פון אייך, דער שוין פאַרמישפּטער, כ׳וויל גיין מיט אייך
אַצינד זיך לאָדן;
איך וויל מקיים זיין דעם עזוב־תעזוב — די וואָגנס די פּאַריעזנעטע
אַרויסצוראַטשקעווען פון שליימען . . .

עס שרייט מיין האַרץ, וואָס איז צעשטאָכן און מיט פּיין באַנאַדלט, ווי אַ יאָזש,
מיט טויזנט שפּיציקע געשרייען,
עס שרייט צו אייך דער קין, וואָס איר האָט זיין אויסגעהאַרעוועטן קרבן
נישט פאַרנומען,
עס שרייט צו אייך דער הבל, וואָס זיין בלוט האָט איינגעזויגן שוין
דער ערדיקער און שוואַרצער גומען:

צעוויקלט פון די העלדזער די פּאַטשיילעס, אַז זיי זאָלן זיך ווי פאָנען
בשורהקע צעפלאַטערן, צעווייען!
עס וועט די אויסלייזונג פון דרערד פון איר, דער ערד אַליין, זיך
מיטאַמאָל צעבליען,
ווי בליענדיקע שפּראָצנדיקע קעצעלעך פון ווערבעס אין צעזוניקטע
אין אַפּרילדיקע אינדערפריען . . .

פון מײַן שטעטל

1

מיט זיפּצן אין די בערד און טענות אין די דלאָניעס
קלאָגן זיי נאָך אַלץ, די פאַרמעטעטענע גרייזן,
און ירמיהוס שאָטן שפּרייט נאָך אַלץ די פּאַלעס אויס
אויף אומגעוואָרפענע און ליגנדיקע שטענדערס;
נאָר קינדער יידישע, געקומענע פון ווילנע, פּאַשען שוין
די דאַשיקעס מיט זוניקייט, מיט פריי זיין
און טרייבן שטראָמען לויטערע צו וועסנעדיקער מיל
אויף איבערמאָלן לענדער...

זיי זיינען אָנגעזעטיקט, קערנדיק און פול, ווי מילגרוימען,
ווי ווייצן און ווי קאָרן.
זיי זיינען פעסטע, זיכערע, ווי פעלדזן און ווי שטאָלן.
די טאַטעס אָבער וואָרנען: „גימנאַזיסטן, אין בית־מדרש,
אויב איר ווילט קיין ווילנע פאָרן!"
זיי ענטפערן: „נו, גוט". ... מע דאַרף זיי נישט מצער זיין,
די ביינער אין די טאָלן.

און אַז דער טאָג נעמט וואַקלען זיך און פאַלט שוין
ווי אַ פידל אום מיט בלוטיק־רויטע סטרונעס,
און איבער הייזער יידישע אַ זאַק אַן אויפגעבונדענער
נעמט רעגענען מיט אַשן,
עס זשומען שוין אַרום, ווי פליגן האַרבסטיקע, די ווערטער
פון די וואַרטנדיקע קינות, —
די קינדער מעסטן אויס דערווייל די ברייטע לאַקשן
און פאַרבעטן צו דעם טיש אויך לייוויקן און אַשן...

2

די נאַכט שלאָפט אין אַ בלוי זיידן העמד
מיט אַ בראָשל פון זיבן סאַפירן צעבליט.
יעדער טייך — אַ מאַטראַץ פון פלאַטין,

אַ קישן אַ גרינע — אַ באַרג.
און ס׳ליגט די לבנה,
אַזוי ווי אַ זאַפּטיקער ווייַנטרויב,
ביי איר אין דעם מויל.

שטילע טריט.
גמינע־סעקרעטאַר מיט טונקעלן בערדל
באַגלייט די דאַמע צום וואָקזאַל.

באַן קומט אָן.
קוימען מיט רויך — אַ שוואַרצע פאָן.
דריי קושן אויפן פריזורל ווי זאַפרען,
דריי קושן אויף הענט,
ווי וואַזן צוויי מיט בלייכע צען נאַרציזן;
צאַרטער געפליסטער אין אויער:
— ווען דו וועסט קלעטערן אויף די גאַרנס
פון די זאַקאָפּאַנער בערג
צו דער האַלבער רויטער קאַוועגע
אין בלויען קלאַש פון הימל,
וועסטו זעען ביי יעדן טרעפל
ווי ס׳פאַרלויפט דיר מיין בענקשאַפט
מיט פלאַרע פון פרייד אין לאַץ
און פאָכעט צו דיר מיט אַ ווייס הענטשקעלע,
ווי מיט אַ פלאַטערדיקער שוואַלב.
— זיי געזונט!
— אַדיע!

שפעטער אין דער היים.
גמינע־סעקרעטאַר מיט טונקעלן בערדל
האָט אָפּגעגעסן אַ שאָל סמעטענע מיט פּאַזימקעס.
אַ גלאָז קאַקאַאָ.
ציגאַר אין מויל.
אויג דערבליקט אין ווינקעלע פון קאָרידאָר
צען־יאָריק שיקסל פון גמינע־סטרוזש.
אויג צינדט זיך אָן ווי גרינער בענזין.
— ווילסט שאָקאָלאַד?

— ניין.
— אַ מאַראַנץ?
— ניין. — —
אַ שפּרונג.
הענט פֿאַרהייבן פֿאַרדריפּעטע ספּודניצע,
און ס'מישט זיך ווילדער באַגער אויס
מיט קינדיש בלוט און טויבן־לייב.
אַ הינדעלע פּישטשעט.
אַנטלויפֿט.

סטרוזש.
האַק אין פּאַסיק,
זאַק מיט געווין אויף האַלדז פֿון געמיט:
— פּריצל,
כ'האָב קיינמאָל נישט געריסן
קיין רויטע קאַרשן
ביי אַ פרעמדן פּלויט,
כאָטש כ'האָב אַליין קיין סאָד נישט.

— פּריצל,
כ'בין קיינמאָל נישט געגאַנגען מיט אַקער און סערפּ
אויף עמעצנס פֿעלד,
כאָטש כ'האָב אַליין נישט קיין ברויט.

— פּריצל,
אין דער בלוזקע ביים וואַיטס טעכטערל
טראָגן ציצן אין די שנאָבלען,
ווי פּאָפּוגייען,
קוויטלעך מיט חסד פֿאַר באַדערפֿטיקע בידנע לייט.

— פּריצל,
וואָס טוט מען מיט קינד,
וואָס איז אויסגעוואַקסן מיט שטיינער צוקאָפּן,
מיט טאַרבישן שאָטן צופֿוסן,
און כליפּעט אָן טרערן
ביים בודקעלע מיט רינגען צוויי אויף דער טיר?

נעמט פריצל אַרויס
אַ מטבע פון טאַש,
באַדויערט שטיל דאָס אָדלערל,
וואָס לייזט אים אויס פון די זינד:

— אוי, מאַמעניו אין טשענסטאָכאָוו,
אוי, הייליקע אין טשענסטאָכאָוו,
מע איז דאָך נאָר אַ בריאהלע
פון פלייש און פון געביין.

פאַרטשעפּעט פריצל מטבעה אונטער וואַנס פון סטרוזש,
ווי אַ זילבערנעם שלאָס אָן אַ שליסעלע —
שאַ!

האַנט פון סטרוזש — אַ ציטערדיקע גראָע טויב.
פון טויב פּיקט זיך האַק אויס.
קניעס בייגן זיך אין דרייעק.
און ס'לאָזט האַק זיך פלינק אַראָפּ
אין גרינעם ליכט פון אַבאַזשור
אויף קאָפּ פון סעקרעטאַר. — —

דרויסן שלאָפט נאַכט אינעם בלוי־זיידן העמד
מיט אַ בראָשל פון זיבן סאַפירן צעבליט.
יעדער טייך — אַ מאַטראַץ פון פלאַטין,
אַ קישן אַ גרינע — אַ באַרג,
און ס'ליגט די לבנה,
אַזוי ווי אַ זאַפּטיקער ווייַנטרויב,
ביי איר אינעם מויל.

ביים בודקעלע מיט רינגען צוויי אויף דער טיר
כליפּעט אַ קינד אָן טרערן
קעגן טאַטנס באָרד,
געוואַשענער אין רעגן רויט געשריי פון סעקרעטאַר,
וואָס ליגט אויפן דיל מיט לעכער אונטערן שטערן,
ווי שאַכטעלעך פון רויטן פליוש
ליידיק אָן בריליאַנטן . . .

צו ווינפּערן *)

אין העמדער ראַזיקע פון גליענדיקן תמוז דרימלען די נאָכמיטאָגדיקע
שבתדיקע קוימענס פון דיין שטעטל,
און שאָטנס פון שטאָכעטן, ווי די סטאַדעס שוואַרצע ציגן, וואַרעמען
זיך נאַזנדיק אָקעגן זון אויף גאַסן —
איז לאַז־זשע, ברודערקע, פאַרוואָגלטער, דעם פרעמדן שטויב פון דיינע
ניו־יאָרקער משוגענע אַפּצאַסן
דעם ווינט וואַלינישן מיט גריווע פאַכיקער צעיאָגן, איידער וועסט
דיין הייליק שטעטעלע באַטרעטן . . .

און ברענגסטו אויגן צווייַ, ווי טערמאָמעטערס פולע, אָנגעלאָפענע
מיט פריידיק ווילדע רוישן,
פון שטאָט פון בלוטיקער, פון שטאָט פאַרמישפּעטער אויף אייביקע
יאַרידן און אויף טאַרגן —
איז היט זיי שוין די שטילע הונגעריקע טוריע, ווי אַן
אויסגעשטרעקטער באַטשאַנדיקער גאַרגל,
און ס'לויערט שוין אויף זיי די שלווה, ווי אַ פויערטע,
פאַרטייעט אין די פעלדערישע גרין־געדיכטע שמויש . . .

עס איז דיין מויל דאָ צוגעפלויגן, ווי צום כוס אַ בין, און
אָנגעזויגן זיך מיט סאָק פון זינגען און פון דיכטן;
עס האָבן דיינע טריט געהייליקט זיך אויף זוניקן שאָסיי,
פאַרשאָטענער מיט שטויבן און מיט צוויטן, —
איז ווי־זשע קאָן געמאָלט זיין, אַז סע זאָל דער כוס צום בין
אין האַרץ אַ בענקעניש נישט היטן,
אַז ס'זאָל שאָסיי דאָ, ווי אַ גאַרטל אַ פאַרלוירענער, אַ שטילער
פון טריסקער צדיק, זיך אויף דיר נישט ריכטן? . . .

---

*) ז. ווינפּער איז דעם דיכטערס אַ בן־עיר.

אין העמדער ראָזיקע פון גליענדיקן תמוז דרימלען די נאָכמיטאָגדיקע
שבתדיקע קוימענס פון דיין שטעטל,
און שאָטנס פון שטאָכעטן, ווי די סטאַדעס שוואַרצע ציגן, וואַרעמען
זיך נאַזנדיק אָקעגן זון אויף גאַסן —
איז לאָז־זשע, ברודערקע פאַרוואָגלטער, דעם פרעמדן שטויב פון דיינע
ניו־יאָרקער משוגענע אַפּצאַסן
דעם ווינט וואָלינישן מיט גריווע פאָכיקער צעיאָגן, איידער ווערסט
דיין לויטער שטעטעלע באַטרעטן . . .

ביי דער דווינע *)

א

ווער קאָן זיי אויסמעסטן, די אויפגעטויכטע קאַלטענעס פון דיינע
נאַקעט־טאַנצנדיקע מיידן,
ווער קאָן זיי איבערציילן, אָט די פליכעוואַטע, אַנגעזייפטע קעפּ
פון דיינע טאַנצנדיקע זקנות!
עס רודערט זיך אוןווירבלט, דווינע, אין צערעפּעטקייט פון
דיינע אויפגעפּלאַצטע איינגעווייידן,
און ס'מישט זיך אין געווירבלעניש אַ ווייַנענדיקע חדות מיט
אַ חדוהדיק געוויין אויס . . .

עס האָט די זון זיך אָפּגעריסן און אַ פאַל געטאָן — אַ דיניע,
רויט, אויף דיינע פלאַטערדיקע שטאָפּן
און פאַלנדיקערהייט צעשפּאָלטן מיט אַמאָל זיך און צעשאָטן
רויטע יאָדערן מיליאָנען;
זיי לאָזן זיך אַראָפּ, די יאָדערן, זיי ציען זיך און בייגן זיך,
ווי „למדן" און „כּפּן",
זיי צאַפּלען אויף, און לעבן אויף, און שווימען שוין ווי אַקונעס און ווינעס...

פון איין זייט — כאַטעס ליטווישע, בראָדאַווקעס, דראַפּען זיך
אויף דיינע ברעגיקע אַראָפּן און אַרויפן,
פון צווייטער — כאַטעס לעטישע, די סטאָגנען גאַרטלען זיך
אַרום מיט ווייסע גאַרטלען פון שטאָכעטן,
און אין דיין סאַמע מיטן, ווי אַ זשאַבע אַ צעממיתטע, וואָס
קאָן זיך נישט קיין ריר טאָן צו אַנטלויפן,
אַן אינדזל גלאָצט צו דיינע הינט, וואָס יאָגן זיך אין
איבעריאָג־שפּיל צו געווינען די געוועטן . . .

די ערשטע לויפער זיינען אָנגעקומען שוין פאַרסאָפּעטע,
מיט מאָרדעס איינגעריכט אין ווייסע מילעך־הויטן;
זיי זיינען הונגעריק, זיי טשירען ציינער אויס
און שטרעקן מיר אַנטקעגן צונגען לאַנגע, מידע — —

---

*) אַ טייך אין ווילנער געגנט, וואָס גרענעצט פּוילן מיט לעטלאַנד.

העי! כ'האָב ראַזשינקעס און האָב אָפּגעבאַקן פון מיין עלנט
און מיין אומעט שוואַרצע, זאַטע ברויטן,
איז נאַדיר, נאַדיר כאַפּטע ווילדע, פּרעס און גריזשע זיי
און פּראַווע דיר אַ סעודה . . .

ב

צעשמייס דעם פלאַקסן־קאַראַוואַן — דעם קליי דעם אויסגעסמאַקעטן
און גרויען פון טשאַכאַטעדיקער ליטע,
וואָס ציט אויף אויסצובייטן זיך אויף גאָלד אַהינצו צו די גאָלדענע מדינות,
מיט דיינע קניפּן־פּולע בייטשן, אַז ער זאָל אַ קני טאָן
אין דיין אויפגעבעטער מיטה
און זינקען צו איר דנאָ מיט האַרב מיט ציטערדיקן
און מיט ליפּן אָנגעליאַמעוועט מיט פּינעס . . .

עס האָבן פויערס ליטווישע, פאַרחושכטע און קויליקע,
ווי אויסגעטרוקנטע, פאַרשרפּעטע טאָפּאָלן,
געפּיטערט און געפּאַיעט אים מיט אָנגעפּולטע צעבריקעס
פון זודיק־הייסע טרערן —
איז שמייס־זשע, דו נקמה־נעמערקע, און שלאָג אויף רוקן
און אויף קאַרק אים אַן אַ שיר און אַן אַ צאָל אַן,
אַז פאַרן זינקען זאָל ער נאָך פון דיינע קלעפּ משוגע און מטורף ווערן . . .

דער גרויער קאַראַוואַן שוין טעלעבענדעט זיך און האַצקעט זיך
צעווישן בייטשן און צעווישן דראָנגען,
דער גרויער קאַראַוואַן זיך בייגלט, ווי אַ בייגל, גלייכט זיך
אויס און ווערט אויף שטיק צעריסן,
און שוואַרצע סמאָלע־מענטשעלעך, ווי נעגער־קאַרליקעס, אויף
האַרב אויף זיינעם אָנגעהאָנגען,
צו דער יבשה שיקן שוין מיט אויסגעשפּרייטע האָלאָוועשקע־הענט
די לעצטע שוואַרצע גריסן . . .

כאַפּט אויף זיך די יבשה, ווי אַן אומגעהייער־יאַשטשערקע,
אין גרינעם העמד גענייט פון גרינע ריפּסן,

און מיט אַ שלונג אַן איינציקן פֿאַרשלינגט די גריסן,
ווי אַנטקעגנלויפֿנדיקע שוואַרצע ווערעם;
און גרויער קאַראַוואַן, צעריסענער, נעמט הויערן און נידערן
אַן קרעכצן און אַן פּיפּסן
מיט ציטער־האַרב, מיט שוואַרצע האַלאַוועשקע־הענט
אין בורטשענדיקע דווינישע געדערעם . . .

ג

טשעפּע נישט די פֿוילע שטאַרצנדיקע ריפּן־קראַקוועס
פֿון מיין נוטה־למותדיקן חדר,
טשעפּע נישט די גרין־באַכליאַפּעטע, באַגאַלדטע קאָרע
פֿון מיין נידעריקער פֿויערישער נאָרע, —
ניטע, טשעפּע נישט, איך בעט דיר . . .

ס'האָט דיין קאָפּ — אַ האַק, צעהעלפּט אויף העלפּטן צוויי
די פֿליישן פֿון די ערדן
און צעדולט די אויערן פֿון זייערע אומענדן,
אַז דו ווייסט אַליין שוין נישט אין וואָסער מקום זיך אַ קער טאָן
און זיך ווענדן —
ניטע, טשעפּע נישט, איך בעט דיר . . .

זאָל דער פֿויער מיטן קוואַרן ביוסט, ווי לעדער,
ווי אַ פֿאַסטעך פֿון די שלאָפֿנדיקע לאַמען,
פֿולע זשמעניעס ווייסע טרייסטן פֿון די פֿלאַקסן זיינע שעפּן
אָט־אָ דאָ אין בידנע גריבל
און דיך בענטשן, ווי אַ מאַמען
פֿאַר די פֿריינטלעכע גענעדער,
וואָס דו האָסט נישט קיין פֿאַריבל,
און דו לאָזט, אַז נאָכן שטאַרבן זאָל דער גלח אים פֿאַרשלעפּן.
ניטע, טשעפּע נישט, איך בעט דיר . . .

ד

אַרויסצונעמען זיך די אויגן פון די לעכער—בליציקע קינזשאַלן פון די שיידן
און גיריקע אין די באַהעלטענישן און פאַרבאַרגענישן
דיינע זיי אַריינצושטעכן
און נאָכדעם נאָך צוריק אַ ריס טאָן זיי באַפּלעקטע
מיט די אייטערן פון דיינע פריידן, —
ווי קאָן מען נאָך אַ גרעסערן נצחון אַט אַזאַ דערגרייכן!

דאָ ליגן האַרעוואַניעס, אַט די אַלע כאַטקעלעך, פון אַלטן
טויטן גראַף סאַפּיעהען.
שוין יאָרן הונדערטער מיט קעפּ אַראָפּגעלאָזטע און פאַריאושטע זיי היטן,
עס וועט נאָך אפשר עמעץ פאַרט צעשטערן די ממשלה
פון צעהוליעטע געשרייען
און זיי, זיי וועלן ראַטעווען זיך אויף די גיכע פליטה־מאַכנדיקע פליטן . . .

דאָ זיצט דער הימל אויסגעדרייט קאַפּויר, ווי איינגעניטעוועט
מיט פעסטע ניטן —
אַזאַ גוואַלדאַוונער בלויער טעלער פול מיט אויסגעפּרעסטע כמאַרעדיקע קעזן,
און גלייבט שוין נישט אַפילו, אַז עס וועט אַ הונגעריקער
קומען צון אים שלום ביטן
און טון אַ נעם צו אים זיך, אים פון אָפּגרונט אויסצולייזן.

די אויגן, גליטשיקע קינזשאַלן, אין דיר אַריינצושטעלן,
און זיי זאָלן דאָרט נישט בלייבן ליגן —
צי קאָן מען נאָך עפּעס מערער וועלן,
איז דאָס דען נישט דער זיג פון אַלע זיגן? . . .

ה

קלויסטער אויפגעוויכערטער — אַ ווייס־תכריכימדיקער ישיש
אין אַ גרינעם אויפגעבלאָזענעם צילינדער,
האָט זיך צוגערוקט באַלענטשן צו דער דווינע מיט געזעצטע
הדרת־פּנימדיקע שפּאַנען
און געבומען אָנפאַרטרויען איר פיל סודות פון מאָנאַשקעס
הייליקע, וואָס האָבן פיצלעך קינדער,
קינדער תמימותדיקע, גלייך ווי שעפּעלעך בלויאויגיקע,
און ווייסן נישט פונוואַנען.

דווינע לאַכט: „מסתמא זיינען אַנגעפלויגן פון אַ פרעמדלאַנד
באַטשאַנעס דורך עמעצנס באַפעלן
און געברענגט אויף פליגלען קרעפּטיקע אין נעסט אין
הייליקער אַזוינע טייערע מתנות".
ווייסן אָבער נישט מאַנאַשקעס — ממשיכט ווייטער ישיש —
צי זיי זאָלן קלאָגן, צי זיי זאָלן קוועלן,
ווייל דאָס כאַוון וועט פאַרשטעלן זיי דעם וועג . . . אַ שטן
צו די קוואַלן פון די לויטערע איקאָנעס.

עצהט דווינע: „כ'בין אַ גוטע מאַמע, און איך האָב אַ שויס,
וואָס גרייט איז יעדן איינעם אויפצונעמען,
און פאַר יעדן מידן און מנוחה־זוכער עפן איך פון לאַנד
פון מיינעם אויף די טויערן און טירן;
איך האָב ווינדעלעך און קעמעלעך אַ סך, איך וועל די
קינדערלעך סיי וויקלען און סיי קעמען,
כ'וועל זיי אָנזייגן מיט מיינע מילעכן, די קעפּעלעך
זיי צוואָגן און מיט פּעטקייטן באַשמירן".

וואַרפן זיי, די הייליקע מאַנאַשקעס, פּיצלעך עופעלעך
אַריין אין שויס פון גוטער, גוטער דווינע;
שטרעקט זיי אויס די אָרעמס, אָרעמט זיי אַרום און נעמט
אַרונטער זיי אין אירע היימען,
נאָר . . . שטייט אויף — אַ האָן אַ בלויער מיט אַ בלוטיק אייגל,
פון זיין דרימל דער באַגינען,
זעט ער, ווי זי שאַרט אַרויס די קינדער צו דער וועלט,
ווי פיש געפגרטע אין ווינדעלעך פון שליימען . . .

וו

אַ־אַ! עס האָבן ווינטן אָנגעכאַפּט מיין טשופּרינע און שלעפּן מיך
אין ווילדער ראָד פון זייערע געשלעגן,
זיי בייסן זיך, ווי קאָטערס פאַר אַ קאַץ, און יעדער ווינט
פאַרנעמען וויל דעם אויבנאָן פון דווינע,
וואָס בויערט איצט דעם האַלדז פון האָריזאָנטן־שטשור מיט
שאַרפע ציין פון אירע קרומע זעגן
און שיקט זיין בלוט דורך בליציקע שליחים איבער גאָרע
לענגן פון איר מעכטיקער מדינה . . .

עס שפּילט שוין מיין טשופּרינע, ווי אַן אַנגעבלאָזענע און בייזע
קוואָקע צווישן קאַטערישע קראַלן,
און איך אַליין — בין עפּעס לופּטיק, לופּטיק עפּעס, דאַכט זיך —
שוין אַ פליענדיקע זאַווערוכע אינעם אויר.
די קאַטערס בייסיקע זיך ראַנגלען: „לאָמיר בייסן זיך און
רייסן, לאָמיר איינס דאָס אַנדערע באַפאַלן,
מיר וועלן זען, ווער עס וועט געפינען חן אין דווינעס
אויגן און וועט ווערן איצט איר חבר . . .״

מיט קלאַפּטערישע אימפּעטן און פּענדן אויף משוגענע זיך
דרייענדיקע קאַראַהאָדן
איך האָב אַ צענדלינג קאַטערס אַנגעכאַפּט; זיי בעטן זיך,
זיי טענהן שוין און וויינען;
איך וויל נישט איבערבעטן זיך, איך וויל קיין טענות נישט,
איך וויל נישט גיין מיט אייך זיך איצטער לאָדן,
איך וויל אייך הורגן און מאַרדעווען, מע זאָל נישט וויסן,
וואו אַהינגעקומען זיינען אייערע געביינען . . .

ז

אויף יענער זייט ברעג שטייט אַ לעטין מיט שטערן צעהעלטן,
און אונטער דעם שטערן—צוויי פּיקסלעך, צעבלינצלט פון תאוותקן פּיבער—
אַ, דווינע, אַ, דווינע, איך וועל דיך פאַרשטיינען איך וועל דיך פאַרשעלטן;
דו ביסט גאָר אַ גרענעץ, איך קאָן נישט אַריבער!

זי נעמט דאָרט אַרויס פון דער בלוזקע צוויי קאַטשקעלעך געלע—די בריסטן
און ווינקט איופן פּיען — אויפן פעסטן סאַלדאַטיק מיט גלאַנציקן ביקסל —
ער וועט נאָך אַ שיס טון . . .

העי, שיקסעלע, שיקסל! וואָס שיסן, ווער שיסן,
איך וויל עס נישט וויסן.
כ׳בין עפּעס דאָך ברוך, דער פרייער וואָלינער ציגיינער,
וואָס ווייסט נישט קיין גרענעץ, טאָ וואָס זיינען ביקסלעך און קוילן.
איך גיב אָט אַ שפּרונג און אַ כמאַליע די דווינע,
אַז ס׳הייבט איר אַזש אָנעט צו גרוילן —
און אָט בין איך דיינער! . . .

ח

געטובלט און גערייניקט זיך אין דיינע וואַסערן, און ס'פּליסן
שוין און צאַפּלען דיינע קרעפטן
אין קעמערלעך פון קערפּער מיין, וואָס האָבן שלעסעלעך אַנצאָליקע
צעפּראַלט און אויפגעשלאָסן —
גלייך לעבעדיקע זאָמען־חיהלעך אין בתולות צייטיקע נאָך
ווילן זיך מיט מאַן באַהעפטן,
און זיי צעוואַקסן זיך מיט אומגעלומפּערטע, מסוכנע חלומות
פון געוויסערס און צעגאָסן . . .

געפּאָרעמט זע איך מיך אין דיין געשטאַלט — אַ שלאַנג אַזאַ,
אַ ריזיקע מיט רינגען און מיט קאַרבן,
וואָס האָט דעם עבר אירן, ווי אַן עק אַן אָפּגעהאַקטן
און אַוועקגעשפּרונגענעם, פאַרגעסן —
און ס'לאָזן זיך אויף מיין פּאַטילניצע מיט העלדזער
בענקענדיקע, אויסגעצויגענע אויף אויסצוגיין און שטאַרבן,
ווי פּילגרימען אויסגעמאַטערטע פון לענדער, צוויי טאַבונען
פון נאָך נישט געבוירענע מעת־לעתן . . .

ווי דו וועל איך זיך איבערקערן און אַ וואָרף טון זיך
העט־העט אין ווייטסטע העטן
מיט אויפגעאימפּעטע, מיט וויכערישע אימפּעטן, מיט
רוגזהדיקע אויפגעזאָטענע געצישן,
אַז ס'וועט דער באַלטיק מיר אַנטקעגנשפּרינגען מיט
תרועותן און מיט געבעטן,
און ס'וועלן זיינע בערג, די גלאָזיקע, זיך אַזש
צעבראַזגען און אויף שפּליטער זיך צעקרישן . . .

ט

מיט טריט פֿאַמעלעכדיקע רוקט זיך נאַכט אָן, ווי אַ שוואַרצע
קו מיט אייטער פֿול און אויפֿגעלאָפֿן,
און גרויע און געדיכטע מילך־טומאַנען נעמען
מעלקן זיך פֿון זיך אַליין און צאַפּן
אַריבער דווינעס בלויער מידקייט און אויסגעצויגנקייט פֿון ערבדיקן שלאָפֿן
אין וויג הויכוועגטיקער, וואָס איז אַרומגעשמירט מיט
זאַמדן־פּאַטעקעס און פּאַפּן . . .

עס כליעפּטשעט און עס זייגט די דווינע זיך מיט
פּיסקעס טויזנטער אַ פֿולן בויך אָן,
אַז אָקאָרשט וועט ער זיך פֿון אָנגעשוואָלנקייט
און אָנגעפּוישטקייט אַזש צעזעצן . . .
דערווייל נעמט עמעץ אָן די קו און שינדט זי אָפּ
און הענגט אַרויס אין הויכן
איר פֿעל, אַן אָפּגעשונדענע און אָנגעפּיקעוועט מיט לישייעס און קרעצן . . .

די לעצטע ווינטעלעך — אָנאָטעמדיקע מוראַשקעס, אין
זייערע געצעלטלעך זיך פֿאַרקלייבן ;
עס דרימלט אין די דווינע שטיל אין וויג הויכוועגטיקער
און טיפֿער, זאַט און אָנגעזויגן,
און פֿילט שוין נישט, ווי שיפֿלעך שפּיציק־נאָזיקע, ווי
גרויענקע חזירימלעך, זיך גראָבן אין איר לייב איין,
ווי ס'האָבן לעמפּעלעך פֿונווייטנס געלע נעדעלעך מיט
פּעדעם טיף אין איר אַרייַנגעצויגן . . .

דרויע. 1928־29

אַדיע!...

אוּן ווידעראַמאָל דאָס אַלטע לידל . . .
איציק מאַנגער.

ווען ס׳האָט אויסגעבעט דער זומער אַ געלעגער זיך
פון געלע פאַלנדיקע בלעטער
און אַריינגעזיפּצט די לעצטע שטאַרבנדיקע זיפצן
אין די אויפגעשפּיצטע אויערן פון מיין געמיט —
האָבן דיינע טריטעלעך, באַצוויטיקטע מיט צוויט,
באַווינטיקטע מיט וועסנעדיקן ווינט,
אויפגעוועקט דעם שאָטן פון מיין קליאַמקע,
וועלכע איז געשלאָפן, ווי אַן אָסיענדיקער קאָטער אויף דער טיר . . .

סאָלאָווייען האָבן אויפגעטויכט
אין דער ווייטקייט פון מיין בלוט
און געזעצט זיך זינגען
אויפן גרין געצוויג פון האַרץ,
ווען דו האָסט דערלאַנגט מיר דיינע יאָר —
זיבעצן בוקעטן פון זשאַסמין — — —

איך בין אַוועק,
פון ווייטער שטאָט אין שניי,
אין ווינטערלאַנד
עס זיינען אָנגעקומען בלויע בריוו,
ווי אָונטן אין מאַי, מיט בליצן פון באַגער.
איך האָב געטראַכט, געזאָגט אַזוי:
דו ביסט מיין קינד,
דו ביסט מיין שוועסטערל,
דו ביסט מיין פרוי;
דו ביסט אַ גילדן קריגעלע,
איך וועל עס אָנפילן מיט קלאָרן שטראָם,
וואָס רייסט זיך פון מיין בענקענדיקער קרעניצע אַרויס — — — —

און וועסנע האָט דערנאָכדעם זיך צעחדווהט איבער וועלט,
מיט שטורקאַצן פון זונען אָנגעצונדן געסעלע און הויז,
מיט פינגער בלאָנדע אויסגעפינגערט אויף מיין שויב
דיין ווייטיקדיק געבעט:
פאַרגעס מיך נישט, פאַרלאָז מיך נישט, איך קום אָט־אָט!
מיין פאַרהאַנגל האָט אויפגעפלאַטערט אַזש
אין ווייסער פרייד
און זיך פאַרפלאָנטערט אויפן בענדל, ווי אַ ציגעלע אַ צאַרטס...
איך האָב געזען אין וועסנעדיקע נעכט,
ווי ס׳כליפּען שטערן זילבערנע
אויף דיינע אויסגעשטרעקטע דלאָניעלעך
מיט שטיל געכליפּ,
לבנהדיקער צאָן צעגריזשעט דיין געמיט,
און כ׳האָב געפלאַטערט: קום!
און ס׳האָבן שליאַכן שוין געוואָרגן זיך מיט עכאָס פון דיין גאַנג — — — —
נאָר וויי! עס האָבן ווינטן אומגעריכט פאַריאָגט זיי אין דעם ווילדן וואַלד—
פאַרראַט...
אַצינדערט ליגט אַ בעטלערן ביי מיר אויף שוועל,
און ס׳בעטלט שוואַרצער פחד אין איר אויג
די ראָזע שיין פון שמייכל אויף מיין ליפּ.
נו, זאָג אַליין, ווי קאָן אַ שמייכל זיין,
ווען ס׳קריכט דער שקר אויף דיין מויל אַרום —
אַ שוואַרצער שפּין אויף אויפגעשניטענעם און רויטן פּאַמידאָר;
נו, זאָג אַליין, נו, זע —
אַדיע!...

1933

ביים ניעמאַן

א

דער יול וועבט שטיל אויף וועבשטול גאָלדענער פון זון
אַ העמד אַ זיידנס פאַרן ניעמאַן,
און סאָסנעס וואוקסיקע, ווי לייכטער מעשענע,
פון גרינע פלאַמען פלעכטן אים אַ קראַנץ.
עס שווימען וואָלקנס, ווי פאַראַמען אַנגעלאָדענע
מיט וואָל און פלאַקס, פאַרביי אין רוים
און גליטשן זיך אַראָפּ אויף לייטערס מאַרמאָרנע
און גאָרנס ניקלנע פון כוואַליעס
צו זיינע סודותדיקע לאַבירינטן
מיט אויסגעבעטן זאַמדיק־ווייכן גרונט.
ס׳געמיט דאָס ניעמאַנשע באַשופּיקט איז
מיט שיינע צאַרטע שופּלעך פון פלאַטין.
ער אָטעמט העל מיט הפקרדיקן אומרו
און צאַפּלדיקן פריי צו מיין פאַרטרעט
און צו די איינגעריסטע אַרבעטער
ביים לעבעדיקן, זעגנדיקן דופק פונעם טאַרטאַק,
וואָס האָט צעוויקלט רויך אויף ברעגיקע זיגזאַגן —
אַ שוואַרצע פלאַטערדיקע פאָן . . .

ב

ס׳האָט ווער פאַרלוירן דאָ אַ ישוב.
עס דרימלען הייזער דאָ מיט פולע סעדער בינשטאָקן צופוסן,
מיט פאַראַסאָלן פון וואַזאָנעס־פאַלמען ביי די זייטן,
מיט עקזעקוטאָרס, ווי מיט באַדיעקעס, צוקאָפּן.
דעם בינערס האָניק קענטן אַנדערע אין טייג
און לייגן עס אַריין צו זיך אין בעקן;
און יאוש גליווערט איינעט ביסלעכווייז דאָס בלוט
אין רויטע שפּיגעלעך פון גלאָז.
נאָר גוט איז כאָטש וואָס זומער־לעבן צייטיקט אויס
פאַר בלויעניש פון וואַלד,
און פאַר באַראַקן, און פאַר פליאַזשעדיקע טעפּיכער

מיט בלאָנדע לאַנגע צויטן.
און — יידן זיידענע מיט פיל בטחון אין די בערד
און טייסטערס בייכיקע אויף האָרץ — —
גייט שטעטל אָונטצייט צום בריק
באַגעגענען דאָס טונקלע דאַמפּערל מיט געסט ;
און עכאָס פּרעפּלען שטיל מיט ליפּן גלויביקע
אַ תפילה צו דעם טרייען ניעמאַן,
וואָס צינדט זיי אָן דאָס זילבערנע לאַמטערנדל
פון דער לבנה
אויף בלויען פאַס פון שטראָם . . .

ג

פון טאָג צו טאָג ווערט שמעלער, פאַרמיקער דער ניעמאַן
און שלאַנקער, גראַציעזער ;
און וויצן צייטיקע מיט בלומען־מאַקואווקעס,
ווי שלייפלעך אויסגעבונדענע אויף העלדזער,
פאַרלויפן בארג־אַרויף און טאָל־אַראָפּ צום שיינעם וואונדער.
אַ בראָנזן סטאָליערל,
וואָס האָט געבראַכט פון פענצטערלעך מיט אייזערנע קוואַדראַטן
פיל רעגנבויגנס אויפן לייב
און פריילעכן שגעון אונטער ברעמען,
דאָ האָפּקעט אום אָן הויזן און ער ברומט :
— „אָ־אָ, ער שמייסט שוין מערער נישט, דער קאַט !
ער לאָזט אַרויס און לאָזט אַריין,
ער לאָזט אַריבערגיין און האָט שוין נישט קיין צוים . . .”
איעדעס כוואַליעכל שפּיצט אָן אָן אויער
מיט גילדן אוירינגל פון שטראַלן
און הערט זיך צו,
וואָס זאָגט מען עפּעס אין דער וועלט
פון ווענטקע און פון נעץ ? —
און ווען די שאָטנס ווערן לאַנג און לענגער,
ס'איז נישט צו מעסטן, צו דעריאָגן זיי מיט שפּאַנען,
פאַרליבטע דרייסטע ווינטלעך קלייבן זיך צו שויסן האַריקע
פון בענקענדיקע סאָסנעס, —
דעקט צו דער ניעמאַן זיך מיט ראָזער קאָלדרע
פון פּליוש און מעלאַנכאָליע
און רופט די ווייסע בעריכע פון שניי־שליאַך אינעם הימל
צום ברוינעם בעט . . .

ד

עס קריכט אַמאָל אַ כמאַרע אָן,
ווי אַ שטאָלערנע בריאה מיט הערנער און לאַפּעס,
צעגריזשעט בראַזגענדיק אויף שטיקער
דעם רונדיקן געשליפענעם שפּיגל פון הימל
און באַשפּייט דעם ניעמאַן מיט פּורפּורנע גרודעס לונג,
מיט שנירן גאַל און סלינע . . .

ווערט עס ליכטיק און פינצטער:
די געגנט לייגט זיך באַסע קאָמפּרעסן
און פּייכטע האַנטעכער צום שטערן;
באָטן, שיפלעך און קאַיאַקן שפּרינגען אויף פון שלאָף
מיט פלאַמיקע צעשויבערטע שטורקאַצן,
רייסן ברעטער פונעם אייגענעם געביין אַרויס
פאַר זיך אַליין אויף מיטות;
און דער וואַלד שליידערט די סמאַראַגדענע קרוין
אינעם זאַמד איבער שליאַכן — —

נאָר דער ניעמאַן, ער אַליין, שמייכלט,
פינטלענדיק מיט ווייסע רירעוודיקע אַפּלען,
שפּילט זיך אין גומענע רעדלעך,
קייקלט, ציט זיי איין, ציט זיי אויס
און מורמלט אונטער באַז,
אַז דאָס האָט אַ הוליע געטאָן די מיאוסע טאָכטער
פון זיינע לייבלעכע ברידער און שוועסטער —
אַלדי בייזע חלומות, טומאַנען, קאָשמאַרן . . .

ערב־פרילינג

ווי זילבערנע עקזעמעס
פֿאַרגייען שטיל
די לעצטע רעשטלעך שניי
אויף לייב פֿון פֿעברואַר
אונטער בלוי־דורכזיכטיקע באַנדאַזשן
פֿון צעוויקלטע מערצענע ווינטן;
דאָך און שווערלן טרינקען קלעפּעדיקן קנאָספּן־ריח
פֿון שיינע אויפֿגעגאַנגענע טאָפּאָלן,
און גרינע צאַרטע בערשטעלעך פֿון גראָז
רייסן זיך צו אָטעם גאָלדענעם און שטויב,
אויף טישטעכלעך מיט פֿרענדז, פֿון יונגע פֿרישע זונען — — —

וואָס ווייסט דער ערב־פּרילינג פֿון פּראָצעסן
איבער טונקלע פּנימער מיט לייכטנדיקע מאַסקעס אין באַגינלאַנד,
פֿון מאַנדאַרינקעס שפּאַנישע אין גרעטכענס ווילדן מויל,
פֿון לאַמע שטעטעלעך ווייסרוסישע אָן קוליעס און אָן ברויט!

אומגעריכט האָט פּחד אויסגעלאָשן דאָ דעם דופק.
בלויז דאָס וואַסער ביי דער מיל רוישט לוסטיק־לעבעדיק אזוי
און טרייבט אין ווייט די מאַרמאָרנע סטאַטועס פֿון דער קריע,
דעם ניקל־מעדאַליאָן פֿון דער לבנה
און די הושענות מיט די קעצלעך ערשט־געבוירענע
אויף אויסגעשטרעקטע צווייגן־הענט — — —

אָ, טייכל, טייכל, לאָז כאָטש גליוורן אויף אייביק דאָ דעם זיפֿץ,
וואָס טריפֿט צו דיר אַראָפּ אַצינד
פֿון נאָכטיקן שאָסיי און פֿון די שטערן:
עמעץ פֿירט נישט־דערשלאָפֿענע גלויביקע איציקלעך
פֿון פֿאַרזיגלטע פֿאַריינען און ביבליאָטעקן
צו דער שוועל פֿון עקידה און נישט־יהי,
און דאָלעבן טראָגן שוועסטער און מאַמעס
גרויסע ברענענדיקע אויגן,
ווי וואונדערלעכע סודותדיקע קנויטן
אין צעבראָכענע מנורות.

ערב־פּרילינגדיק.

אַ יאַריד.
ווייסרוסישע פויערים מיט מעלאַנכאָליע און דראַאונג אין די בערד
שטייען געבויגענע ביי וועגן,
ווי טויטע פאַרזונקענע שטאָרכן מיט פאַרהויבענע פיס איבעם דוים;
טאַלטשאָקן יידישע,
ווי בייזע אינוואַלידן מיט בוקאַטענע שטיוול,
ראַנגלען זיך אין ווינט;
אַ שפיצל מיט אויפגעשפיצטע אויערן חלומט אויס אין ראָג
אַ שאָטן פון אַ טרער און פון אַ ביין;
ביי ריזיקע קלויסטערס, ווי הייליקע טראַנען,
פאַרקויפט אַ קאָמעדיאַנטל פאַרמעטענע יידישע מאַדאָנעס —
זריעה אויפן פרילינג,
אויף הייליקן גלויבן
און אויף בלוטיקע שניטן
אין שטערן פון מיין פאָלק — —
אָ, וואָסער נח האָט עס פלוצעם אויף די קלויסטערס איצט
אַרויסגעשיקט אַ טויב
מיט אַ פאַנעלע אַ העלן פאַרבונדן אויפן האַלדז?

מיין באָרוועסוואָרג פון געסעלעך מיט קרומע פלויטן
טאַנצט אויס אין שול אַ הימן צום ערב־פרילינג.
— — — — — — — — — — — — — —
מע ווייסט:
דאָס קלאָר־ווייסע ציגעלע וועט נישט ברענגען אויף די הערנער
קיין ראָזשינקעס מיט מאַנדלען,
און ס׳וועט דער טאַטע נישט קומען פון דער פרעמד
מיט קיין פעסעלע וויין, אָדער ביר — —
מיט פנימלעך בלייכינקע, ווי חלב,
האַנט אויף אַקסל, קני געבויגן,
טאַנצן אויס, זינגען אויס
נשמהדיק־יתרהדיקע, יום־טובדיקע קינדער
אַ הימן צו זייער ערב־פרילינג,
וואָס האָט אַ צעבראָכענעם זעגל מיט פליגל פון בלוט — —

באָרוועסוואָרג, מיין באָרוועסוואָרג!
כ׳וועל דיר פאַרטרויען דאָס ליד פונעם וויינגאָרטן,
וואָס האָט אויסגעצייטיקט אַ שפע פון זאַפטיקע טרויבן
פאַרן צעלעכערטן קויש פון מיין האָרץ.

⁂

(פראַגמענט)

פאַרשאָלטן אויף אייביק זאָל זיין מיין געביין,
אויב כ'וועל זיך נישט לייגן אַזוי ווי אַ שטיין
אין יידישער שול-וואַנט, וואָס בויט זיך און בויט —
שטאָט וואַסער — פון טרערן, שטאָט ליימען — פון נויט.

לייגן צונויף זיך געשטיין אויף געשטיינען,
נעמען צונויף זיך געביין צו געביינען,
שאַפן זיך וואונדער און העלע לעגענדן,
וואָס בלויען,
וואָס טויען,
וואָס בלינדן און בלענדן.

פאַרשאָלטן זאָל ווערן פון אויג מיינס דאָס ליכט,
אויב איך וועל נישט טייטן דעם יענעם, וואָס קריכט
און פויזעט פון הינטן, אַזוי ווי אַ שלאַנג,
צו גיפטן מיין טראָט אינעם לויטערן גאַנג!

לייגן צונויף זיך געשטיין אויף געשטיינען,
נעמען צונויף זיך געביין צו געביינען,
שאַפן זיך וואונדער און העלע לעגענדן
וואָס בלויען,
וואָס טויען,
וואָס בלינדן און בלענדן.

(פאַרגעדענקט פון דעם דיכטערס שוועגערן, שרה אליצקי)

פ ר י ל י נ ג

א

ווי פיש מיט מוטערפערל־שופן שווימען וואָלקנדלעך
אין קילן שטילן הימל־סטאַוו
און פון די פלוספעדערס זיי טריפן טראָפּנס אַנגעקוואַלענע מיט זון
אין שוואַרצן גומען פון דער ערד.
אַ שוואַלב אַן אויפגעלויכטענע, אַ שטילע קרייזלט זיך אַרויף, אַרויף —
אַ האַטשיק פון אַ וועגטקע־שטאָק אויף פאַנג.
ס'איז יעדער בוים שוין אָנגעפיקעוועט מיט גרינע בראָדעווקעס,
מיט בלויען חסד
און בלאָנדן סוד פון פליסטער־ווינט.

פרילינג־לעב! זע־זע:
ס גייען דיר אַנטקעגן שטעטעלעך ווייסרוסישע אצינד
יט עמער לידיקע ביז דנאָ;
יף גרעבליעס שטייגט די אַרבעטלאָזיקייט, ווי ברויזיקער געוויסער
יט פינע אויפן מויל;
ביי פריזבעס וואַקסן הונגעריקע קינדערלעך,
ווי קוסטלעך קראָפּיווע מיט בריעניש אין הויט;
און שפּיצלען נעסטיקן זיך איינעט, ווי לישייעס
און ערעם טונקלע, קלעפּיקע אין וואַנט
פון דעם קלאָזעט.

ב

אַ ראַדיאָ־הילעכער דערלאַנגט אויף דלאָניעס אָפּענע פון פּיגוס־בלעטער
דורך לופטשיקעס דער גאַס דעם ה י י נ ט דעם ברויזיקן אין גאָרער וועלט.
מיט גראָע טאָרבעלעך פול דעמער הינטער אויג,
מיט פינגער אויפגעפּיבערטע, פאַרבענקט צו שער, צו הובל
און אויך צו וואַרגן עמעצנס אַ האַלדז, —
טרינקט יוגנטוואַרג אָט־דאָ אַיעדן אָוונט אויפן טראָטואַר דעם ווײַן
פון באַרסעלאָנע און פון פאָלקס־ליד יידישן אין מינסק — —

און טרעפט:
עס שפּרינגט דאָס לעצטע ביסל פרייד אַרויס פון העלער הויט
און לויפט אַ באָרוועסע אויף טרעפּעלעך
צו עקן פאַווישע פון פליענדיקע שטערן, —
קנאַלט פלוצעם אויף אַ שאָסל
אַן אָנגעזאָפּטס מיט פּראָוואָקאַציע,
מיט בלוטיקן טעראָר
און מיט די פינקעלעך פון אַ מצורעס אויג.

זשעטל, 1937

אַ ליד אין מאַי

מאַי —

פלוצים איז ער אָנגעקומען,
אויפגעוועקט די וועלט מיט פלוצעמדיק געשריי
און באַוואָרפן זי מיט בלויעניש, מיט גרינעניש, מיט שיין.
האָבן זיך פון שרעק
די גרינע האָר אויף בערגעלעך אין פעלדער
אויפגעשטעלט קאַפויער,
און קעצעלעך פון ווערבעס
האָבן אַזש די אויערלעך די שלאָפנדיקע אויסגעשפיצט.

מאַי — מאַי —

אַ טשערדע פון צוויי הונדערט אַכט און פערציק ציגן
האָבן אויפגעצאַפלט איצט,
די גלידער מיינע,
צו דיין פרייִדיקן פאַרכלין
און ציען אויס די העלדזער זייערע צו כליעפּטשען גים אָן זין,
ווי צעבריקלעך מיט בריי.

מאַי — מאַי —

עמעץ ציט פון בלויע הימלען דינע סטרונעס אָן אויף וועלט,
ווי אויף אַ גרינער מאַנדאָלין,
און שפילט אַ שיר,
וואָס קוואַלט צו דיר,
פון דיר צו מיר,
פון מיר צו דיר —
פריי, פריי —
דאָס ליד אין מאַי.

מאַי, 1928

יאַנואַר

ווייסע, זייער ווייסע זוימען
האָבן זיך אויף דר'ערד צעשאָטן —
איז פון פריזבעס ביז צו זוימען
אַ גערעטעניש געראָטן.

נאָר מיט סערפן זי באַפאַלן —
וואָס מיר אונדזערס, ווער מיר אייערס ?
פאַקט די שפע אָן אין שטאַלן,
טאָסעוועט זי אָן אין שייערס !

קושן שויבן זיך מיט זאַנגען
אונטער צווייגל פון אַ ביימל —
וועסט אַ גילדן זיי דערלאַנגען
וועט מען דיר באַצאָלן צוויי מאָל . . .

יאָ, די וועלט איז גאָר שוין אַנדערש,
ניי ביז ביין שוין, באמונות —
אומעטום אַ סאָד מיט לאַנדיש,
אומעטום אַ שלל וואַזאָנעס.

ווייסע קוויטן, ווייסע זעטן,
זעט פאַר קינדער און פאַר אַלע.
ווילט איר גלייבן — גלייבט פאָעטן,
אלא נישט, טאָ פרעגט אַ שאלה.

יאַנואַר, 1938

מערץ

באַוויזן האָט זיך מערץ
מיט אַ וואַליזקעלע אַ גאָלדנס אין דער האַנט — די זון,
און איינגעבויגן שטיל אַ בלויען אויער צו דעם האַרץ דער ערדס . . .
און תיכף האָט אַ פלאַפּלער־ווינטל אַ פּאַרטרויעניש פאַרטרויט
דעם בוים, דעם קעלבעלע, דער הון:
עס לעבט אַזוי דאָס האַרץ, אַז ס'ווערט אַזש ווייס פון ווייסן טויט!

האָט דער בוים אַ פּאָך געטאָן מיט אַ מיליאָן פינגער צום שניי:
אַדיע!
האָט דאָס קעלבעלע אויסגעדרייט אים דעם הינטן מיטן עקעלע:
מע!
און די הון האָט גענומען הויבן די פּולקעס:
קוואַ־קוואַ־קוואַ —
זאָל האָבן שוין אַזאַ מערכה אויך די שוואַרצע גנבטע
די קראָ . . .

און אַ בענקענדיק ייִנגעלע אַ פאַרקלערטס
(למשל אַזאַ ווי דו און ווי איך)
האָט דערזען ביי דער שויב דעם מערץ —
איז ער פריידיק אַרויס אויף דער גאַס
אין צעריסענע, צעטרענטע שיך
און מיט אַ שטאָלערנעם רידל אַ גלעטער
אַ גלעט געטאָן דעם ווייסן טויט:
דאָנערוועטער —
איך וועל אויסגראָבן אַ ריווטשיק —
אַ שלאַנג אַזאַ־אַ, ביים פּלויט,
און זאָל מען זען ווי ווייסטיק,
ווי מסוכן
עס זעט אויס אויף איר רוקן
די שוואַרצע פליאַמע פון אונדזער נעצנדיקן פעטער
דאָנער־ר־ר־רוועטער! . . .

מערץ, 1938

אין אַ ליטוויש שטעטעלע

(פראַגמענט פון אַ פּאָעמע)

א

מאַיאָווער באַגינען אין בלויען בערעטל
מיט זון, ווי אַ פּולער אַ גאָלדענער בעכער,
לויפט האַסטיק פון ערגעץ אַריין אומגעבעטן
און קריכט אָן אַ לייטער אַרויף אויף די דעכער.

ווערט לוסטיק דאָס שטעטל פון האָר ביז די קנעכל,
ווערט שיכור דאָס שטעטל ביז ציטער, ביז צאַפּל
און הייבט אָן צו פּלאַפּלען אָן זין און אָן שכל
מיט שוואַלבישן לשון און ווינטישן פּלאַפּל.

די וועלדעלעך געבן די גלידער אַ צי אויס
און זעען, מע האָט זיי אין מילעך געבאָדן,
די לעבער־בלום שמייכלט ביי זייערע קניעס,
און דער אַנעמאָן דאַנקט זיי שטיל פאַר גענאָדן.

אַ מאָגערער ליטווין, די ברעמען ווי מעסערס,
צעאַקערט דעם היגל מיט קאַרק און מיט אַקער,
און ס׳טאַנצן אַרום אים פּאַרוואָרלאָזטע פּרעסערס
מיט אומרייניע קעפּ און מיט בראָנזענעם נאַקעט.

אַ וואָוקסיקע שיקסל זיך שיקסלט אינמיטן
צווישן די יאַטן מיט נאַקעטע אַקסלען,
עס בריען די בריסטן: מיר זיינען צעבליטע,
מיר קוועלן מיט פלאַמען און וואַקסן און וואַקסן!

ב

ווי ליב איז צו ליגן פאַרבאָרגן אין סעדער
אויף צוויטיק געלעגער אין ראַסע געוואַשן;
עס זעט נישט קיין אויג דיר, עס שרעקן נישט רעדער
מיט טונקעלע ווינטן מיט שרויט אין די טאַשן.

זיי שטיל, סאָלאָווײ דו! עס גיסט דאָך דײַן זמר
אויף הײליקער דאַליע געוויין פֿון די צווייגן! —
כ׳האָב קיינמאָל קיין וואָל נישט געשוירן פֿון לעמער,
כ׳בין קיינמאָל געווען ווי אַ טכוירל ביי שטייגן.

מײַן ברויט האָט געכליפּעט מיט שוויס און מיט אײַטער,
מײַן קני האָט כסדר פּאַר גראָשענע לויבען
געקניט און געבוקט זיך און אַרבעט געבעטלט — —
זיי שטיל, סאָלאָווײ דו, זיי שטיל, מײַן מקונן!

אַ פֿלעדערמויז טונקלט פֿאַרביי אינדערלופֿטן
מיט פּיצלעך באַהאַנגען אויף פּוליִנקע בריסטן; —
און אָט אַזוי שטיל איז . . . עס ציט אַזש אַ רוף טון:
— בידניאַקעס, איר זענט דאָך ווי ווערעם אין מיסטן!

בייגט אײַן נאָר דעם אויער העט־העט אין די ווײַטן,
צו וואָלגעשע ברעגעס, צו קלאַנגען פֿון קאָרן, —
זיי ווייזן דיר צייכנס מיט כמה באַטייטן,
זיי שמעקן מיט ברויט און מיט פֿרייד פֿון מאַטאָרן!

און זע נאָר דעם הימל ביז ראַנדן פֿאַרשריבן
מיט זילבערנע טינטן, באַפּינטלט, באַקאָמעט:
אײַן אײנציקער, אײנציקער אויסוועג געבליבן
פֿאַר אָרעמער קליאַטשע אין צוים און אין קאָמעט . . .

ווי ליב איז צו ליגן פֿאַרבאָרגן אין סעדער
אויף צוויטיק געלעגער אין ראָסע געוואַשן:
עס זעט נישט קיין אויג דיר, עס שרעקן נישט רעדער
מיט טונקעלע ווינטן מיט שרויט אין די טאַשן.

1936

צו מיינע קינדער

נישט שוין־זשע האָב איך אייך פאַרגעסן,
קינדער אויפגעגאַנגענע ביי ווערבעס און ביי מילן חרובע
אויף ליטעס דעמערדיקע שליאַכן ?
נישט שוין־זשע האָב איך דיר שוין אָפּגעזעגנט,
סטאַדע מיינע מיט באַגינענדיקע סודות אונטער וויעס ?

הערט :
אין נאָוואָיעלניע וואַקסן לייטערס ריזיקע פון סאָסנעס
כאָטש ס׳טעלערל פון הימל צו דערלאַנגען !
עס שפּרינגט די פריידע אַרום —
אַ הירשן איבער בלויע רחבותדיקע סאַליעס ;
עס איז דאָס ערגעץ־לאַנד דאָ פּרצעס,
דאָס לאַנד פון ראָזשינקעס מיט מאַנדלען.
נאָר איך —
איך דריי זיך דאָ אַרומעט מיט פאַרביסנקייט אין טראָט
און מיט אַ טאָרבע בליענדיקער שנאה אונטער העמד,
און ס׳טרייסטן מיר די אַקסלען בלויע,
אָט די אַקסלען מיינע,
אויף וועלכע ס׳זיינען פופציק קינדער אָנגעהאנגען . . .

אָ, טרייסטנדיקע בליענדיקע לאַסטן !
איך האָב אייך נישט פאַרגעסן,
איך האָב אייך נישט געזעגנט.
אוואו איך זאָל נישט זיין, בין איך מיט אייך.
און שאַרף און בולט זע איך אייך אַזוי
מיט שטיינער אין די הענט
ביי שויבן גילדענע.

אַ גרוס אייך, טרערן־שלינגער,
פון פיניעס איגנאַלינער.

זשעטל, 1936

נאָוואָיעלניע

א

גייט יוני דאָ אַרום אין וואַלד מיט זון,
ווי מיט אַ רויטער פּאַזימקע אין מויל,
ער הענגט זיך אָן פאַרליבט
אויף האַלדז פון יעדער סאָסנע
און צערטלט פלינקע, שלאַנקע יאַשטשערקעס
מיט אויגן גאָלדענע
אויף ליכטיקע אַלייען.

האמאַקן וויגן זיך ביי שאָטנדיקע פענצטערלעך פון צווייגן,
זיי וויגן ריטמיש אויס מיט יעדן וויג
די זעט די שלווהדיקע פון וועראַנדעס און
פון גוידערס.
צי וואָגלט אום דען איצט אין לאַנד
פון שטאָט צו שטאָט
זיין מאַיעסטעט דער הונגער
און ציט אַליין ביי טשופּרינע צו זיך דעם טויט
אויף קניעס קנאָכיקע און מידע ? —

אַז איינגעפעסטיקט האָבן נאָדל־וועלדער
אין נאָוואָיעלניע דאָ אַן אייגענע מדינה
און דאָ געלאָזן בלויז אַן אָרט
פאַר אויסגעפּאַשעטע געזעסן,
און רידיקולן, און
פאַר טוביהס עטלעכע
מיט טעכטער און מיט קאַנען . . .

ב

קינדער שפּרינגען אין ווייסע בלוזעס,
שליידערן זיך שישקעס,
צעשאַרן די מוראַשניקעס
און שמייכלען מיטן הימן
פון ווייסרוסישע הימלען און רומיאַנעק ;
שאָטנס פון ליציטאַציעס און עקסמיסיעס

טרוימען נישט פון זייער שוועל, —
איז די גאַנצע וועלט דאָך אייגנס!

שפּרינגען זיי אַזוינע באָרוועסע,
אַזוינע לויטערע
און פאַרבלאָנדזשען אויך מיט פינגערלעך
צו קודלעס פון פּאָעט
מיט רויטן העמדל אויפן לייב
און יידיש וואָרט אויף ליפּ.

נאָר אויף לאַנגע יאָרן איז פאַראַנען דאָך אַ פּאַפּאַ,
און דער פּאַפּאַ האָט אַ מאַמאַ, און די מאַמאַ —
אַ הונט,
און אַלע, אַלע שטרעקן ציין און הערנער אויס,
עס זאָל דאָס יידיש וואָרט פון דעם פּאָעט
מיט רויטן העמדל אויפן לייב
חס־ושלום די מערכה נישט פאַרשווארצן — —
האַלאָ! האַלאָ!...

ג

ווילנע, באַראַנאָוויטש, נאָוואָגרודעק און לידע — —
עס כוואַליעט דאָס גערעטעניש
פון קליינבירגער און בורזשויען
אין בין־השמשותדיקע שעהן.
ראָווערן.
קאָרטן.
דאַנסינגס
און זנות.

בייג איין דעם אויער און שטרענג אָן דאָס אויג:
עס טרייבן ווינטלעך אום אויף טונקלע ליילעכער
דעם ריח פון פּשיטיק,
און האָריזאָנטן ברענען...

האָריזאָנטן פלאַקערן רויט
און גליען אויס
פלאַמיקע געשטאַלטן...

1936

האָט הערשע לייבציע...

האָט הערשע לייבציע יורד אויפגעכאַפּט זיך אַזאַ לוסטיקער, אַ פרישער,
אינדערגיך די קוואָרט געגומען אָפּצוגיסן נעגל־וואַסער זיך און וואַשן,
און דערנאָכדעם אָפּגעלייגט די תפילין, און אַ זוך געטאָן אַ כזית ברויט
אַ נשאר
נאָר ער האָט קיין פּיצל נישט געפונען און געלאָזט זיך זיינע ציגן פּאַשען.

קעמען וויגטן הערשע לייבציעס גראָע באָרד און פּאות, ווי די קאַמען,
און ס'טובלט זיך באַגינען בלאָנד אין זיינע קלאָרע יונגע אויגן.
פּרעסט און טוליעט זיך צו זיין קאַפּאָטע צו אַ ציגעלע, אַ קליינטשיקס,
אָן אַ מאַמען,
און ס'פּילט נישט הערשע לייבציע, אַז ס'האָט דער הונגער אָנגעהויבן
נאָגן, זויגן.

אַזוי האָט הערשע לייבציע, ווען די זון איז רונד אין גלאָז פון מיטן
הימל שוין געשטאַנען,
אָנגעזעטיקט, ווי אַ טאַטע זיינע קינדערלעך, מיט פּעטער פּאַשע זיינע
ציגן —
מיטן באַרנשטעקן, ביים רייסן גרינע גרעזלעך, טריט ביי טריט זיי
נאָכגעשפּאַנען,
ביז ער האָט דעם הדרת־פּנימדיקן וואַלד דערווישט זיינעם גרינעם
קאָפּ פאַרוויגן.

נאָר אַז ער איז אין וואַלד אַריין געקומען, דערזען פון שטאַמעלעך
און נאַרעס
שוואָמען ווינקענדיקע וואַקסן — איז ער צו זיי צוגעפאַלן מיט אַ
בורטשענדיקן מאָגן;
האָבן, ווי קאַקעטקעס, מיט די שיינע קאַפּעליושלעך, איידעלע, צאַרטע
מוכאָמאָרעס
צו די ציטערדיקע הערשע לייבציעס פינגער זיך פאַרשייט געגומען יאָגן.

און ווען סע האָט אַ ציג זיך אָפּגעציקלט פאַרנאַכטצייט און געבעטן
מיט אַ מעקען
ווייטיקפול דעם פּאַסטעך אירע שוואַכע ציגעלעך צו טראָגן שוין אַהיים —
איז שוין הערשע לייבציע טויט געלעגן, נאָר ס'האָט געוואַלגערט זיך
דער באַרנשטעקן,
און ס'האָט דער אַלטער וואַלד געציטערט מלא־פּחד און געהיים.

1927

דער קײלעכיקער קאָפּ פון עקזעקוטאָר

דער קײלעכיקער קאָפּ פון עקזעקוטאָר, אַלט און אױסגעקראַכן,
פון בלוט אַ ריטשקעלע מיט אָפן אײגל קוקט פאַרגלײזט אַרױס.
אַרום — אַ רעדל פױערים, פון שטײערן פאַראָרעמטע, פאַרשװיצטע
און צעבראַכן,
נקמה־זאַט און דאָרשטיקע, שטײען אױפגערעגט און בײז.

זאָל ער װיסן, אַז דער כלב, אונדזער לעצטע הויט צו נעמען,
אונדזער בלוט און פּראַצע פרעסן און די טעכטערלעך צו שענדן! —
לױפט אַ צוקל דורך דעם נהרג פון די שלײפן ביז די ברעמען,
און דאָס אָפן אײגל — װי עס װאָלט צום הימל זיך מיט עפּעס
װעלן װענדן.

פערד און װאָגנס, קװיטשערײען, און ס׳איז חושך דער יאַריד.
פּאָליאַק, ייִד, ציגײנער, אוקראַינער, האַנדל־װאַנדל, אױסגעשרײען.
און מע גײט אַרײן גוטברודעריש זיך אױסשװענקען די גאָרגלען
צו דעם אינװאַליד,
װי ס׳װאָלט אַן עקזעקוטאָר מיט אַן אָפן אײגל נישט געקאַרטשעט
זיך אין װײען.

1927

בערל דעם גלעזערס

דער הימל — אַ ברונעם, די זון איז אַן עמער,
די זילבערנע וואָלקנדלעך — דורשטיקע לעמער,
און בערל דעם גלעזערס, דער בלייכינקער טרוימער,
איז היינט זייער פֿאַסטעך, איז היינט זייער שומר . . .

ס'איז בערעלעס טאַטע אַ פּשוטער גלעזער,
אַ גרעזל צעווישן צעטראָטענע גרעזער,
וואָס שלעפּט זיך מיט דימענט אויף דאָרפֿישע וועגן,
און ברויט איז דער ווינט אים, ציקאָריע — דער רעגן . . .

קומט איין מאָל דער טאַטע צו גיין צו דער מאַמען —
צעריסן, צעביסן, מיט בלוטיקע שראַמען;
עס וועט שוין נישט זיין מער קאַרטאָפֿל און קאָרן,
די פּויערים שטויסן מיט טלאָ און מיט האָרן;

און ווייס, אַז די וועלט איז פֿון גלאָז און אַן קיטן, —
און מוז זיך צעברעכן און וועט זיך צעשיטן! . . .
ווי בערל דערהערט האָט דעם טאַטן דאָס זאָגן,
האָט פּלוצים געטראַסקעט די אַקס פֿון זיין וואָגן.

עס האָבן געשטעלט זיך די קינדערשע מילן —
וואָס קינדער, ווען קינדען, וואָס שפּילן, ווען שפּילן!
אין שטיבל דער טאַטע, אַן אַש־גרויער זקן,
צעטיילט זיינע קינדער די פּיין אויף חלקים —

איז בערל געוואָרן אַ שטילער, אַ בלייכער,
אַ טרוימער, וואָס ציט זיך אַלץ העכער און העכער . . .
ביז מאַי איז געקומען אין קראַנצן פֿון בלעטער
מיט גאָלדענעם לייטער: נו, בערעלע, קלעטער!

איז הימל — אַ ברונעם, די זון איז אַן עמער,
די זילבערנע וואָלקנדלעך — ידורשטיקע לעמער,
און בערל דעם גלעזערס, דער בלייכינקער טרוימער,
איז היינט זייער פּאַסטעך, איז היינט זייער שומר
און בלאָזט מיט אַ האָרן צו יעדן אין אויער:
עס וויינען די קינדער ביי טיר און ביי טויער,
עס כליפּעט מיט טרערן אַליין אַזש דער טרויער —
די וועלט איז פון גלאָז און אַן שטיפטן, אַן קיטן,
און מוז זיך צעברעכן און וועט זיך צעשיטן.

אַפּריל, 1938

צום טרעגער

מיין בליק לויפט נאָך די ווייזערס פונעם זייגער,
מיין אויער צאַפּלט אויפן דופק פון דער צייט,
און כאָטש עס האָט פאַריאָגט מיך ווייט,
אַזוי־אַ ווייט
די רוישנדיקע וואַרשע, —
כ׳בין פאָרט דיין העלער שאָטן, טרעגער,
טראָג פאָרט אין בלוטן עכאָס לויטערע פון דיינע מאַרשן;
אין יעדן אָרט
בין איך דיין ליכטיקער אַקאָרד ! . . .

עס ברענען דאָ די גאַניקעס מיט שיינע רויטע האָפּן־בלעטער,
עס קעמט די צעפּ די זילבערנע פון אָזיערעס דער ווינט,
עס שמעקט מיין טישעלע מיט שפּראָטן, זשאַכלינעס און טאָרט,
נאָר איך — דורך הונדערטער דורך וויפל קילאָמעטער
זאַפּ איין דיין ווײ־און־ווינד,
דיין טונקלען גרויל
און, אויסגעמישט מיט טרערן פון אַ נישט־דערזאָגטן וואָרט,
עס צוקט דיין הונגער ביי די ווינקלען פון מיין מויל
און אין מיין גרויער באָרד . . .

נישט שוין־זשע איבער ליטעס שלווהדיקע זאַמדן גיי איך ?
נישט שוין־זשע פלאַמען יאָדלע־וועלדעלעך, ווי גרינע פּיראַמידן ?
ס׳אַ וויזיע בלויז ? עס גייט דאָך פון מיין לייב־און־לעבן אויף דיין ריח
און פון די פּלייצעס מיינע מידע, מידע . . .

עס טרעפט — דאָס בידנע פויערל הייבט אויבעט דאָ אָן קלאָגן,
נאָר ס׳ווייסט נישט וואָס צו זאָגן :
עס איז דאָס ליטוויש פויערל נאָך גאָר אַ תם, אַ גולם,
עס זעט דעם עראָפּלאַן — אַ פליענדיקער צלם.

און דו — וואָס איז דען שטח, וואָס איז ווייט,
און וואָס באַדייטן הונדערטער און וויפל קילאָמעטער,
בעת דיין שווייגן שרייט:
„איך וויל נישט מערער!
איך וויל שוין נישט דעם יאָך!
איך קאָן אים שוין נישט טראָגן!"
דאַן ווער איך לויטער הערער,
און לויטער קנעטער,
און קנעט פון שוואַרצער וואָך
פאַר דיר,
פאַר מיר
דעם ליכטיקסטן פון די פאַרטאָגן . . .

⁂

ס'האָבן אויסגעוויגט די בוידן
אַ ציגיינער־יאַט.
האָב איך אַנגעטרויט מיין אַטעם
שליאַכן — נע־ונד.
ווינט, דו טאַטע מיין!
כמאַרע, מאַמע מיין!
צי וועל איך אייביק שוין
אַ הפקר־בלעטל זיין?

האָב איך וואַנדער אָפּגעזעגנט
אָן אַ זיי־געזונט:
ס'האָט געוואָלט די קאָרט פּאַרטוישן
קליינער וואַגאַבונד.
ווינט, דו טאַטע מיין!
כמאַרע, מאַמע מיין!
צי וועל איך אייביק שוין
אַ הפקר־בלעטל זיין?

טראָג־זשע, האַלדז, אַ „נומער ערגער",
טראָג, געוויין, מיין בלוט!
עמערס טרערן פאַר אַ גראָשן —
וואַרפט אַריין אין הוט!
ווינט, דו טאַטע מיין!
כמאַרע, מאַמע מיין!
צי וועל איך אייביק שוין
אַ הפקר־בלעטל זיין?

(געזונגען אין זשעטל; פאַרשריבן לויטן זכרון.)

יאַדוויגע

א

פאַרוואָס האָט איינגעגליווערט, זאָג,
דער זילבערדיקער ווייסל־ריטעם פון דיין דופק,
און ס׳טריפן טראָפּנס טרויער שטיל
פון דיינע צאַרטע וויעס
אויף טרוימען פון די אָונטיקע קליאַנעס ?
נישט דו האָסט דאָך אַרויסגעמאַלפּעט די
סטראַשידלע פון מיין זיידן אויף אַ דאַך־שיפּוע,
דערשאָסן אַ סקעלעטל פון אַ פויגל דאָרט
מיט שוואַרצן פּחד אין די אַפּלען ;
נישט דו האָסט אָנגערייצט דאָך אויף
מיין טאַטנס גראָע פּאַלעס בייזע לאַפּעס,
צו רייסן קריעה פון זיין האַרץ
און אויסצובלייכן אים דאָס פּנים —
אַ חלבנע לבנה אויף מצבה־שטיין
באַוואָקסענעם מיט שווידער און מיט מאָכן — — —

געמיט מיינס, מיין געמיט !
נעם טרייסל אָפּ פון דיינע גריבע, ציטערדיקע בלעטער
די לאָסט די גאָלדענע פון יוני־שטערן
און טרויער שטיל צוזאַמען מיט יאַדוויגען,
פאַרוואָס עס האָבן אירע פאַרשוועכט איר אומה . . .

ב

מיר האָט געחלומט זיך אַ חלום :
דו האָסט אַרויפגעלייטערט זיך
צום ראַזיקן צוקאָפּן פון אַ הויכן, הויכן באַרג
און אָנגעכאַפּט ביי טשופּרינע
דאָס שווימענדיקע גאָלדן אינדזעלע פון זון
צעווישן פּיאַלעטע און צעפּלאַטערטע וואָלן
פון הימלשער באַגינענדיקער אָזיערע . . .
אַציטדערט פליסטערט קוים דיין מויל —
אַ רויטער קנאָספּ.

אין מיין געוועלב פון אויער:
„ס'איז גרויס אַזוי דאָס ווייסל־לאַנד
אויף דער צעוויגטער מאַפּע פון מיין דלאַניע,
נאָר ס'וויקלט זיך אַרום מיין האַלדז דער האָריזאָנט —
אַ שטיקנדיקע שלאַנג;
דערלאַנג מיר נישט דיין האַנט,
איך וועל שוין סיי־ווי־סיי
נישט פאַלן אינעם טאָל פון גרויל..."

ג

כ'האָב נישט געריסן קיין קוויטן און קלאַנגען פון שטערן אין דיין סאָד,
און ס'אָטעמען די ווינטן דיינע ווייך־אַראָמאַטן אין מיינע דלד־אמות
און צעטראָגן זיי אויף די זיידענע פאַרביקע פלאָרעס פון פלאַטער.

ס'האָט קיינער נישט צעשפּליטערט דיר דיין שויב מיט וואַקכאַנאַלישן געציש
צו פאַרטרעטן די געגזלטע מטבעות פונעם פויערשן געביין —
און עס זיינען רויט די שפּיצן פון דיין העמד,
ווי ציין געשטשירעטע, באַשפּרענקלטע מיט בלוט.

דיינע ברידער, די געהייליקטע מיטן חותם פון צאַרישן אָדלער
אויף די שטערנס,
האָבן אויסגעקאָוועט זונות, וואָס גריזשען אויף די ליבשאַפט צו דעם לאַנד —
אַ צוגעטוליעט טייער קינד צום קישעלע פון ברוסט...

ד

באַגעגנט האָט דיין טאַטע היינט
מיט שטעכעדיקע שטיפטן אין די ברעמען
דעם ברוינעם כראָם
פון מיינע אָפּגעברענטע באַקן אין דער וואַלד־אַליי;
דעם הונטס בורשטינען־אויג
האָט נישט צעשויבערט מיר די האָר פון שלווה,
נאָר אויסגעבלישטשעט מיר אַ גרוס אַ לויטערן
פון דיין מיר־אומבאַקענטער שוועל...

נו, ווינען הײנט אַזוי שוין די וואָזאַנעס אינעם דערפעלע
אַ גרויס געוויין
אויף פרישער טרומנע פון אַ פויער
מיט צייכן פון אַ קויל אין שלייף — — —

יאַדוויגע, יאַדוויגע!
די עטלעכע געגנבעטע בעריאָזקעס פון דיין טאַטנס וואַלד
דאָ ליגן לעבן פויערס הויז,
ווי מיידלעך באַקעטע מיט פלעקן אויף די קני.
און וואָס קאָן אָפּוואַשן די שאַנד
פון אַ פאַרפלעקטן און פאַרשעמטן פראָסטן בוים?

יאַדוויגע, יאַדוויגע!
ווי העל און ווי גרויס איז דיין טרער
ביי די ליכטיקע לאָמפּן
אויפן געצווייג פון צעבליטע קאַשטאַנען.

ה

אַ שפּאַרבער — האָט אַרומגעקרייזט
מיין שנאה איבער דיינע ווייסע הענטשקעס.
אַ טויבן־צווילינג האָט געדרימלט אויפן טויבן־שלאַק
פון זאָטל,
ווען ביסט פאַרביי אַדורכגעריטן אויפן גראַציעזן פערד
אין דיין סטודענטישן און אַדעליקן יחוס . . .
דו האָסט געקלערט:
גדליה גייער פלאָטערט איבער דער ירושה פון זיין זיידן —
אַ האָן אַן אויסגעווייקטער, מיטן קאַם פון רעגנבויגן אויפן קאָפּ,
און וואַרט אויף חסד און אויף האָניק פון דיין וואָרט — — —
וואָס האָסטו דעמלסט דען געוואוסט
פון כאַטעס איינגעבויגענע צו ברונעמער פון טויט,
און פון אַ וואָר אַן אונטערערדישע,
וואָס שמידט פון וויטיק אויס אַ גלאָק,
און פון בראָניעווסקיס דינאַמיט
אין פויסט פאַרשטשעמעטער פון סטראָף? — — —

געבענטשט זיי, טאַכטער, דו „רייִנבלוטיקע" פון דורות,
ווי יענע פֿויערטע פֿון מואַב־לאַנד, בעת זי האָט געקניט
צופֿוסן פֿון דיין פֿיין
מיט יידישער הכנעה ביי די ווינקלען פֿונעם מויל . . .

וו

אָטעם וואַרעמער פֿון איינגעלאַשענע באַגערן
צאַנקט שוין אין די פֿאַלדן פֿון דיין קלייד.
און די אָרעמס דיינע — בעכערס פֿול מיט בלאַסער
זיסער רו ביז איבער ראַנדן.
שליס די אויגן צו, יאַדוויגע — —

איי־ליו, ליו־ליו־ליו.
כ'וועל דאָס ציגעלע פֿון דער לבנה מיט די זילבער־הערנער
פֿון די קוסטעלעך זשאַסמינען ערגעצוואו פֿאַריאָגן,
ס'זאָל דיר נישט באַלייכטן העל דעם וועג צו היים
פֿון ראָזשינקעס מיט מאַנדלען —
איי־ליו, ליו־ליו־ליו.

ווייט, אָט דאָרטן אויפֿן רוקן פֿונעם טאַטנס דעכער,
וואַקסט אַ פֿייערל פֿון פֿויערישן וויי אין די פֿאַבריקן —
אַ פֿאַווע צו די יולי־רוימען —
שרעק זיך נישט, יאַדוויגע, —
איי־ליו, ליו־ליו־ליו.

אויפֿגיין וועט אַ פֿרוי מיט פֿליגלען צוויי:
איינער — אויסגעווייקט מיט בלוט, דער צווייטער —
אָפּגעפֿאַרבט מיט רויטס פֿון זון . . .
דרימל, דרימל איין, יאַדוויגע —
איי־ליו, ליו־ליו־ליו.

אין אַ װאָלינער װעלדל

(סאָנעטן)

א

יונגע סאָסנעס האָבן סענקעװאַטע פּיס אין זאַמדן דאָ פאַרשטאַכן,
נאַדלען אױפגעשפּיזט. װי ריזן־יאַזשן, אונטער גאָס פון זונען־קראַנען —
האָבן זיך אַ לאָז געטאָן, װי טשאַטעס כמאַרעס, פיפקענדיקע באַנען
מיט אורחים שטאָטיקע מיט רױזלדיקן שטאַרבן אין די קנאָכן.

און כאַטעס — װײַסע קװאָקעס, מעוברתע מיט שלוכצנדיקע װאָכן,
אין בלױ באַהעלטעניש פון װעלדל האָבן אָפּגעשטעלט די שפּאַנען . . .
ס'איז האָניק אין דעם בינשטאָק דאָ און מילעך שוימיקע אין קאַנען,
איז יעדער אורח ביי דעם ליױונטענעם פױערל אַן אַנגעלייגטער שכן.

װי ברױנער האָז מיט אױערן פּאַרלײגט, הערט שטילער ברױנער באָדן —
מיט גרינגע טריט חולאים שאַרן זיך פּאַװאָלינקע און קריכן,
מיט טריט פון קראַנקע טױבן איבער לײב און דיכן.

און װינטן אױפגעװינטיקט טראָגן זשמעניעס פּול באַלאָדן
מיט טױטע שמײכלען, װי פון קברים ליליעס נאָר װאָס אױסגעריסן,
און זײ צעשיטן זײ ביי װעלדעלעס צוקאָפּן און צופיסן . . .

ב

פון אַלע זײטן רינט דאָס בלױס פון יוניקן קאַיאָר אָן
און בלױט דאָס דרימלענדיקע װעלדעלע אין נאַכטיק־שװאַרצע שטאָפּן ;
אַ שישקע דראָפּעט בײז זיך, װי אַ קאָטערל געװעקט פון שלאָפן,
שפּרינגט אימפּעטיק אַראָפּ פון צװײַגן־טרעפּ און װערט פאַרלאָרן.

די אױפגעשטעלטע אָפּגעװײסטע ציגל־קיכן הײבן אָן צו קלאָרן,
װי פלוצעם מיט אַ פרישן בליענדיקן שניי פאַרלאָפן,
און רױכן־װאָלן ציען שװין צו הימלס אױפגעװיקלטע אין־סופן
און בלאָנדזשען איבער שטחים אָנגעשפּעטע מיט װײץ און קאָרן.

אַ צאַרטע בלייכקייט ווי פון לאַנדישן גייט אויף און טוט פאַרבלייכן
חולאָימס ליגנדיקע הענט און איינגעפאַלן — כליפּענדיקע באַקן
אין שויס פון קישנס ציכטיקע און אויפגעהאַנגענע האַמאַקן.

און אויגן־נעסטן בענקענדיקע וואַרטן, אַז אַ צייכן
זאָל זיך באַווייזן אין אַ שוועלבעלע־געשטאַלט אויף אייגענעם באַגינען,
ווי אין די בלויע מעשהלעך, וואָס וואַר און חלום שפּינען . . .

ג

. . . אָרעמע פון נאַנטע שטעט, וואָס האָבן שטיל געשלעפּט די לעבנס־קייטן,
געגעסן ברויט מיט זאַלץ פון שוויס אין פייכטער טונקלקייט פון קעלער;
אַ דינסט־מויד, און אַ וועשן, און אַ טרעגער־יונג, אַ שוסטער און אַ קנעלער;
ווער עס שטרעקט די הענט צום הימל, ווער עס האָט
נישט וועמען שוין צו בעטן.

פאַרשעמט, ווי בר־מינגס, וואָס קיינער נישט געגאַנגען איז באַגלייטן,
דערלאַנגען זיי זיך בעכערס מיט נחמהדיקע ווערטער העלע;
אַ הוסט רייסט אָפּטער אויף, פאַרקייקלט זיך צו שייערן און שטעלער,
און מיילער הייליקן דאָס וועלדעלע מיט בלוטיק־רויטע קווייטן . . .

פאַרנאַכט, ווען ס׳לאָזט דער הימל ווי אַ טיפע נאַרע זיך אַראָפּ אין נידער,
און ס׳זעצט די בעריכע מיט אַלע פיר אויף צווייגן זיך אַנידער —
ווערן פענצטערלעך מיט פאַרהאַנגלעך פון פאַרגעפילן טונקעלע פאַרהאַנגען.

און ס׳טרעפט, עס שרייען כאַטע־וועגט אַרויס: ס׳איז עמעץ אויסגעגאַנגען.
שלייפט מען מיט די אויגן טרערן־דימענטן,
ווי איין משפּחה שוועסטער־ברידער,
און מע ווייטיקט ווי אַ גוף, בעת מע שניידט אים אָפּ אַ גליד פון זיינע גלידער.

ד

די יונג־טעג מיט פאַטעקע און האָניק, ווי פון פעסער, שטראָמען;
אין לייכטע בלוזעס און אין האָר צעשויבערטע עס
ברענגען ווינטן ריח פון הייען;
און ס׳לייענען שוין איבער זשוואַווע־בראַווע מוראַשקעס־אַרמייען
אין שטאָמען־פּלייש אַוואו געקריצט פון אַ געשטאַרבענעם אַ נאָמען.

מיט קאַפּעליושלעך טיף־אַראָפּגערוקטע אויפן פּנים ציטערן די שוואָמען
פּאַר קערב אויף סטעזשקעלעך, וואָס וואַרפן זיך ווי שלאַנגען דאָ און דרייען;
אַ שיקסע מיט אַ כלאָפּ אַ מעשענעם, פּאַרצווילינגט פּעסט איינצווייען,
זיך איילן אין פאַרבאַרגעניש פון שאָטנס, עפּעס נישט פאַרזאָמען . . .

חולאָים־עדה שיקט זיי אין די פּלייצעס פּיילן אָנגעשמירט מיט אייפּער,
און חוזק שרייבט ביי אַלטוואַרג אויף די שטערן־ווירעס איבער ברעמען:
„די צויג וויל דווקא געבן — מעג דער הונט אוודאי נעמען . . .״

דאָס בלוי־באַברילטע שוסטערל פון לודמיר האַלט אין האַנט אַ ספר
און רייסט ווי תמיד מיט די אויגן ישעיהוס גליענדיקע וואונדן־רויזן,
און ס׳עכאָט אָפּ דאָס וועלדל: „ווייַ וועט זיין צו די,
וואָס זאַמלען הויז נאָך הויז אָן . . .״

ה

עס שווימט אַ קאַרטל — אַ צעבראָכן שיפעלע פון חרובדיקע ברעגן:
די גרויע באָבעצע טשאַכאָטקע — אויף דער עלטער
האָט זי אַ בן־זקונימל געוואונען,
און יאוש רופט מען עס . . . אַ פינצטער ייִנגעלע אַזאַ
מיט אייגעלעך ווי שפינען,
וואָס האָבן, סמאַקענדיק דאָס בלוט, זיך אָנגעסמאָקעט שוין אַ גאַנץ פאַרמעגן.

עס זאָל אַ וואָרט כאָטש עמעץ זאָגן, ס׳זאָל כאָטש עמעץ עפּעס פרעגן!
די זיבן אויסגעוויינטע טעג פון יעדע וואָך צו קני פון זומער־גאָט אַנטרינען
און שטרעקן בעטלערישע דלאָניעס אויס צום גאָט פון זאַפטן און פון גרינען:
אַביסל גרינס, אַן עוקץ זאַפט כאָטש אַ נדבה שענק פאַר אודנזערטוועגן!

עס שטוינען שטום אַזש ערד און הימל, אַלע וועגן שוויַגיק גאַפן:
ס׳האָט זומער־גאָט מיט פולער האַנט דאָ אוצרות און גענאָדן אויסגעשאָטן
פאַר יעדן פליגעלע, פאַר איטלעך ווערעמל, וואָס ווערט צעטראָטן,

נאָר צוגעשלאָסן האָט די טיר אויף זיבן שלעסער
פאַר די זיבן קניענדיקע שקלאָפן . . .
עס זאָל אַ וואָרט כאָטש עמעץ זאָגן, ס׳זאָל כאָטש עמעץ עפּעס פרעגן — —
עס שווימט אַהיים אַ קאַרטל — אַ צעבראָכן שיפעלע פון חרובדיקע ברעגן.

ו

אין נעכט אין בלויע שושקעט מען זיך שטיל אויף
גאַניקעס אינדרייען און אינצווייען,
ווי בלומען ביי די מיטות, פון פאַרבאַרגענע און טרויעריקע יאָרן;
אַ סידורל מיט דפּן רויט־פאַרנעצט — אין יעדערנס זכרון,
און איטלעך הארץ — אַ קלימעק מיט דערוואָרגענע געשרייען.

דאָס וועלדל שמעקט מיט זונטיק, מיט לבנה־שיין, מיט שטערן־שנייען;
פונוויטן שלינגען שליאַכן־גומענס טריט פון גייענדיקע כאָרן;
עס קומען כלאָפּעס אָן מיט שיקסעס אָנגעסטענגעטע אין פאָרן
מיט באַלאַלייקעס און גיטאַרעס און מיט פרייד פון שניידן דאָס פאַרזייען . . .

אַ גליענדיקער טאַנץ צעשטורעמט זאַמד, אַ ליד צעציטערט הייכן:
„עי פּיד האַיעם, האַיעם, האַיעם זעלענענקעס
טאָם אַראַלאַ דיווטשינענקאַ וואַלאַנקעס טשערנענקעס . . .”

און ווי אַ בריטווע לויפט אַ שטילקייט אָן
אויף פעדעם פון חולאַימשע געשפּרעכן,
עס רייסט אַ כליפּ זיך נאָך אַ כליפּ אַריין אין דעם געווירבלעריי פון קרייזן
און מישט זיך אויס מיט אָטעם קרעפּטיקן פון ערד, פון שניט און פריי זיין...

ז

ס׳האָט האָס, ווי יויך פון גאַל, אין כוועדערס ליפּן אָנגעקוואָלן,
און אייגעזויגן האָבן קולאַקעס נקמה ביי די ניו־יאָרקער מאַשינען,
און ווען עס האָט דעם קרוג דער אויער נישט געוואָלט שוין דינען,
האָט אומגעריכט געלעקט זיין באַרוועס ראָסע פון וואָלינער טאָלן.

ווי טשערעדעס פלאַקסענע צו קאַריטעס, עס זיינען אָנגעלאָפן שראָלן,
און ס׳האָט דער כוטאָר אָנגעפּאַיעט זיך מיט פרייד פון מאַנדאָליגען.
נאָר כוועדער, שווייגנדיק, האָט אייגעאַקערט זיך אין דעסיאַטינען
און נישט געהייליקט כאַטע מיט איקאָנע־שיין און אפּאָסטאָלן.

עס קראַצן שכנים בערדיקע פּאַטילביצעס און זאַדן,
מיט צונג צעווישן ציין מיידט כוועדער אויג פון לייטן,
און ס׳צייטיקן זיך בתולות . . . וואָס זאָל עס באַטייטן?

דערפֿאַר האָט כוועדער אָנגעהויבן וואָרגן זיך מיט
רייד ביינאַכט ביי צוגעמאַכטע לאָדן,
און זיין סך־הכל פֿליסט צו קראַנקע פֿריי שוין,
ווי ער וואָלט אַ קאַריק פֿון אַ פֿלעשל־קעל אַרויסגעריסן:
יאָ, יאָ, עס זוכט אפֿילו נישט בורזשוי קיין פּעטליעלע
אויף העלדזל פֿון געוויסן . . .

ח

אַז בליצן פֿענטען־אָפּ דאָס רוישיק וועלדעלע מיט אָנגעצונדענע שפּאַגאַטן,
און זעק מיט טשופּן אויפֿגעבונדענע דעם הימל־פֿליין
מיט ראָוון אַש פֿאַרשיטן, —
ביי פֿענצטער אָפֿענע עס ליגן קעפּ אויף דלאָניעס,
ווי פֿון העלדזער אָפּגעשניטן,
און זייערע דמיונות שרייבן בריוולעך צו אַן
אויסגעטרוימטן חתן, צו אַ טאַטן.

אין האָריזאָנטן ליגט פּאַרטייעט עמעצער און שליידערט מיט גראַנאַטן;
אַ סאָסנע מיט אַן אויסגעגלייכטן רוקן — אַ גראַנאַט נישט אויסגעמיטן
און, ווי אַ ברענענדיקער שטורקאַץ, שטייט זי מיט אַ פֿלאַם אין סאַמע מיטן...
נאָר רעגן צעברעוועט פֿון צעבערס, ס'זאָל חלילה נישט דעם כוטאָר שאַטן.

פֿון טויבנשלאַקן אונטער סטרעכעס שפּרינגען
אויפֿן גאַס די זיען מיט די ערן,
זיי שטעלן זיך משופּעדיק מיט שנאָבלען אויפֿגעשפּאָלטענע צו רוימען
און שלינגען טראָפּנס אין די ציטער־וואָליעס איין, און טרוימען.

און אינעווייניק, אין די כאַטעס, אַז מע זאָל
אַזוינס נישט זעען און נישט הערן,
עס ליגן קעפּ, ווי אָפּגעשניטענע, אויף דלאָניעס ביי די פֿענצטער־ראַמען
מיט בריוולעך אָנגעשריבן צו אַן אויסגעטרוימטער כלה און אַ מאַמען . . .

ט

און נאָכן רעגענען צעשיט די זון זיך, ווי אַ בעזעם גליענדיקע ריטער;
עס זעט דאָס זאַמד אויס, ווי אין דייזשעס ראַשטשינע, געדיכט און אָנגעצויגן;
און אויף די נאָדל־שפּיצן, וואו עס איז אַ רעגן־טרערל נאָר אַרויפגעצויגן,
עס טובלט זיך אין טרער אַ שלענגל פון אַ רעגנבויגן מיט אַ ציטער.

מיט סערפּ פאַרוואָרפענעם אויף אַקסלען גייען שניטערקעס און שניטער
און טראָגן שוין — צענויפגעלייגטע שאָקן ווייץ
אין אָפּלען רונדיקע פון אויגן;
אַ חזירל לויפט קוויטשיק דורך מיט ווידעלע צעווישן פיס אַריינגעבויגן,
און הינטן — אַן אַרויסגעשטרעקטער לעקער,
ווי אַ רויטער חלף אַ צעגליטער . . .

ביי קיכן טריקענען זיך פויערן מיט פלאַכטעס אויף די קעפּ, ווי קאַפּישאָנען,
פאַררויכערן ביי צווייגן, אָנגעטאָנענע אין פלאַטער־העמדעלעך פון פלאַמען,
און וויקלען רויכעלעך אויף הויט, ווי שאַל פון ציבעלע, פון שטאַמען; —

עס חלומט פון אַזוינע ברואים, אויסגעדייוערטע
און אויסגעקוואַרט, ווי שפּאָנען,
וואָראָנעס ערגעץ לעבן וואַרשע . . . דאָ איז אָבער אַלץ בחצי־חינם,
און ס׳ציט אַרויס די האַנט דעם בייטל, ווי אַ
זוויר דאָס עמער פון אַן אויסגעשעפּטן ברונעם.

י

געסקריפּ פון אַקס, און פערד מיט מאַרדעס איינגעריכט אין גרינע פינעס;
אַ כאַטע־פענצטערל אַנטלויפט פאַרשייט מיט אויסגעכאַפּטער
בליאיקער וואַזאָנע,
אַ פויערטע פאַרשווינדט וואו, בענטשנדיק דאָס קינד פון היליקער מאַדאָנע,
וואָס קאַפּעט מיט רפואה־זאַלב אויף קראַנקע אין פאַרוואָרפנסטע מדינות . . .

און רעדער שווינדלענדיקע לייגן אויפן שליאַך אויס צווייליגעגן פון שינעס
און דעקן צו מיט שטויב אַ ווינטמיל, ווי מיט
אויסגעשפּרייטע פליגל אַ וואָראָנע — —
אין וואָגן האָצקעט זיך דאָס בלוי־באַברילטע שוסטערל
און ציטערט פאַר סכנה :
דאָס פורל קאָן נאָך פאַלן כורעים, ווי אַ שטענדער
אין בית־מדרש צו די קינות.

עס יאָגט דער וואָגן צום וואָקזאַלעכל, וואָס שטייט זיך
ווי אַ פאַלגעוודיקער דינער,
אין ווייסן לאַנגן פאַרטעך פון די אַקסל ביז די קנעכל
און מיט אַ שילדל־בלעכל אויפן קיילעכדיקן היטל־דעכל.

דאָס וועלדל בלייבט פון הינטן, ווי אַ ריזיקער
אוועקגעוואָרפענער בוקעט אַ גרינער,
מיט רוגזהדיקע טענות פון חולאָים, גלייך ווי טאַטשענדיקע ווערעם,
למאַי אַריינגעגאָסן האָט ער יום־טוב אין די
בלוטן איינעם בלויז פון די חברים.

יא

אָ, דידאַזיקע אירינע מיטן ווערצעלע אויף גאָמבע האָט אַ שם אין אַלע כרכן.
ס'איז אַ בייזע מכשפה מיט אַרויסגעשטאַרצטע הערנער
אונטער טיר און אונטער טויער ;
סייִדן כוועדער, טראַסצי יעהאָ מאַטערי, אַט דער
פאַרשאָלטענער אַנצלמדיקער פויער,
קאָן אַריין אין מאַרך פון ביין מיט ציין
פאַרזשאַווערטע, ווי ביי אַ זע, און לאַכן.

פונעם כוטאָר ביז פאַטשייעו ווייסן פאַדקאָוועס
אויף שוועלן, ווייסן ראָוועס ביי די שליאַכן,
אַז אין שייער מיט אירינען שלאָפט אַ גרויסער וואָלף אַ גרויער,
און איר שייגעץ האָט אַ ווידל ביז דער ערד — אַ לאַנגן אויער,
אַז עס צלמען זיך פאָפּן, און מאָנאַשקעס
זיך באַהאַלטן אונטער פאָלעס פון מאָנאַכן . . .

אַ, דידאַזיקע אירינע האָט אַ בעלמע, ווי אַ קנאָפּ
פון טונקלען חלב, אויף אַן אייגל,
און דאָס צווייטע — איר וועט גאָרנישט נישט
פאַרהוילן — ס׳איז אַ זעעוודיק בורשטינדל;
קוקט עס אָן אייך — סיי אין גאָרטן, סיי אין קלויסטער, סיי ביים שפּינדל —

וועט אייך טשאַטעווען שוין אומגליק, ווי אַ
שפּאַרבער מיט די רויבערישע נעגל . . .
נאָר אַז לעבנס, אויסגעזויגן ווי די קאַניצדיקע
קנויטן, ווערן צאַנקענדיק פאַרלאָשן,
בייסט די עוולה, ווי אַ וואַנץ, איר איגעם בוזעם,
און זי שטראָפט בזה־הלשון:

יב

פאַרנעמט דאָס וואָרט פון הונדעריעריקער אירינען,
הערט דעם זאָמען פון נאַאומען:
ווייל בלויז געהאָרעוועט האָט איר, ווי שטומע
צונגען איינגעשפּאַנט אין די יאַרמאָרן,
און קיינמאָל נישט באַפּעטיקט און באַשמירט מיט
שמאַלץ פון קענדיכעס צעטרעטענע טלאָ און האָרן, —
דערפאַר וועט נאָז פון היצעלס טויט דערניוכען
אייער שפּור אוואו איר זאָלט נישט קומען.

נישטאָ קיין קריגעלע מיט זאָפט פון טרייסט,
וואָס זאָל דערקוויקן אייער גומען,
ווען ס׳לויפן אומעט אין אירינעס פינגער־שפּיצן
אַנגעגליטע נעדלעך פון צאָרן.
עס שפּראָצט פאַרגאַנג אין שפּעלטעלע פון אייער אויג,
ווי אין אַ מעזשע שפּראָצט אַ דאָרן,
און ס׳כליפּען לעבנספריידן אייערע, ווי אויסגעלעגנקטע
אברים ביי בעלי־מומען . . .

און ס׳זאָגט צו אייך אירינע איצט דעם ראָט פון אַלע ראָטן:
נעמט שמאַטעס אָנגעוויקט מיט נאָפט, נעמט בינטן אָנגעהאַקטע שפּענער
און לאָזט אַרויף אויף דעכער שטעטיקע אַזוינע רויטע פלאַמענדיקע הענער,

אַז ס'זאָל אַפילו נישט באַווייזן אויפצוגיין
אַן אויפגעשריי פון עמעצנס אַ שאָטן . . .
און גלייך ווי היינט אין היצעלס שלייף
אַ מאַלצייט צוגעוואָרפענעם פון ביינער —
זאָלט איר צעגריזשען די נקמה מיט נצחונדיקע ציינער!

יג

אַ דעמב — וואַקסט אויס סעפּטעמבער מיט די רינגען פון מעת־לעתן;
אַראָפּגעפּירטע תבואות שפּאַרן אונטער קראָקוועס שוין אין שייער;
אָפּגעטעסעט האָט דאָס פויערל די דאגות, גלייך
ווי סענקעס, אָטעמט פרישער, פרייער;
און צעפּעס, ציילנדיק דעם צוועלפטן מולד, זיי
דערמאָנען, אַז מע האָט אין זיי פאַרגעסן . . .

מע קאָכט אין אָוונט שוין אין כאַטעס אָפּ די פּראָסטע וועטשערע צו עסן,
און פויערשע משפּחה בינדט צונויף זיך, ווי
אַ סנאָפּ, איצט פעסטער און געטרייער —
אויף פּאָליצעס דריווינקלדיקע בלאַנדזשעט אום אַ לעמפּעלע אַ דרייער
און זוכט דאָרט קיין קאַנאַדע און קיין ראַטנלאַנד פאַרוואָרפענע אַדרעסן . . .

מע פּרוּוועט אַ פּאַרש טאָן ביי חולאים, ווען זיי עוקרן פונדאַנען;
אינגיכן וועלן גרויע מילכן פון די האַרבסטיקע טומאַנען ס'כוטאָרל פאַרדעקן,
און מענטש און בהמה ציען זיך אַריין אין לעכער, ווי אין שאָלן — שנעקן;

נאָר אויף פּאָדלאָגעס געלע דרימלען שטיל אויף בייכער טשעמאָדאַנען,
עס וויל קיין שלעסעלע נישט קלימפּערן, עס וויל
דער שטויב אויף דעקלעך זיך נישט רירן,
ווי מיט דער יאָושדיקער תשובה, אַז עס איז
נישטאָ שוין וואָס געווינען און פאַרלירן.

יד

און אָט האָט זיך די בשורה, ווי אַ ראָב אַ סאַדזשיקע, צעטראָגן,
דעם בלאָנדן טאָג — אַ מלאַ־שמחהדיקער יונג מיט
פּייקעלע פֿון זון ביי זייט — פֿאַרשטעלט;
דאָס כּוטאָרל פֿאַרבראָכן האָט די הענט, ביי סאָסנעס
האָבן זיך די האָר קאַפּויר געשטעלט, —
פֿון כאַטעס האָט מען עפּעס שווערס, ווי גרודעס קרייד, אַרויסגעטראָגן.

ווי ריזן־שפּינען פּויזעט איבער זאַמד אַוועק אַ וואָגן נאָך אַ וואָגן
מיט מתים דריי — די אויגן אָפֿן, ווי זיי
וואָלטן זיך מיט עפּעס ווענדן צו דער וועלט . . .
און ביי דעם מילנערל פֿאַרמעליקט האָט אַ וואַנסל, ווי אַ
סאָוועלע גענומען קלאָגן.

אין וועלדעלע דערנאָכדעם האָבן כאַטעס מיט
פֿאַרבליבענע די טירן צוגעשלאָסן,
מיט אויפגעשטעלטע אויערן, ווי ווייסע שרעקעוודיקע האָזן,
אַלץ טיפֿער, נידעריקער צו דער ערד אַראָפּ געזעצט זיך און אַראָפּגעלאָזן.

ווער טאַטשעט ווי אַ וואָרעם איצט דאָס וועלדעלע?
עס האָט שוין קיינעם נישט פֿאַרדראָסן . . .
ס'וואָקזאַלעכל איז ווידער מכניס־אורחדיק און פֿריינטלעך צוגעגאַנגען
צו וועגענער ווי ריזן־שפּינען פּויזיקע מיט פּליגן דריי געפֿאַנגען.

טו

מיט ציין פֿאַרשטשעמעטע, מיט מעסער אין דער קעשעניע
פֿאַר שעה פֿון מיין געבוירן,
כ'מייד אויס אייך, ברידער מיינע, דאָ זיך שאַרנדיק —
אַ טונקעלער פֿאַרברעכער;
מיין אָפּגעהיטע ערלעכקייט באַוואַקסן איז מיט קרייטעכץ און געמעכער,
און אויב עס לעבט נאָך אַלץ אַ ברויזל, וועט עס
אויך שוין סיי־ווי־סיי אויף אייביק גיין פֿאַרלוירן.

צו עסן ברויט פון פרעמדער האַרעוואַניע האָט דער גורל מיך באַשוואוירן,
אַרויפצוקלעטערן אויף העכסטן שטאַפּל פון
גאָפּאַלן זיין און — אויב נישט העכער . . .
וועט ווער אַ זופּ טאָן אייער צער, וואָס וויינט
ביי מיר אין האַרץ, ווי אין אַ שוואַרצן בעכער,
אַז ס׳האָבן מיינע הענט אויף מערק די וואָל איינאייגעם
מיט דער פּעל פון בידנע לעמער אָפּגעשוירן . . .

פאַרגיט, פאַרגיט מיר, ברידער! איך מייד אויס אייך,
כ׳קאָן מיט אייך נישט וואוינען.
איר וועט דערזעען באַלד אַ רויטן גליענדיקן חותם אויף מיין שטערן,
און ס׳וועט נאָך אייער לויטערקייט דעם שוואַרצן שבת מיר פאַרשטערן.

עס זאָלן בלויז די וועגנט אין שפּעטע שעהן חצותיקע
דערזען מיר — אַ טונקעלן מקונן,
מיט טרויער קרעפּעגעם באַגאַרטלט, קלאָגן איבער אייך;
עס זאָלן בלויז די וועגנט עס וויסן . . .
אַ, כוועדער טייערער, ס׳איז גוט אַזוי מע דאַרף קיין
פּעטליע נישט אויף העלדזל פון געוויסן!

1933

שטאָט

אין שטאָט פון פיין

אין שטאָט פון פיין,
וואו גאַרבערס גייען אום ווי שוואַרצע לעבעדיקע יוכטן,
און בערשטערס טראָגן פליכן,
ווי שטיקער קויטיקע, אַראָפּגעריסן פון פאַרוואָרלאָזט וועש;
אין שטאָט פון רויטער פּיין,
ווען ס'האָבן כמאַרעס צוגעדעקט די טויטע חשוון־נאַכט,
ווי שוואַרצע קרעפּ,
און אויפן ציפערבלאַט פון שטאָט־זייגער
האָבן ווייזער צוגעקוועטשט דעם ציפער צוועלף,
ווי פינגער גליאיקע אַ שוואַרצן שפּין —
האָט אַ מאַן, ווי שוואַרצער לעבעדיקער יוכט,
מיט אויגן, ווי צוויי שפּיגלען קעגן זריחה־שיין,
אין עמעצנס אַ האַלדז אַריינגעשטאָכן אַ באַגנעט,
אַ ריזן־צאַן:
— שטאַרב, שטאַרב, פּראָוואָקאַטאָר!
אַ בלוטיק שטראָמל איז אַרויפגעשפּרונגען
אויף לאַמטערן־סלופּ
און אַראָפּגעפאַלן אויפן טראָטואַר — אַ טויטע שלאַנג — —
אין בלויער שיין פון לאַמטערן ליגט אַ רויטער וואַרעמער טעפּיך,
און אויפן טעפּיך —
אַ מענטשל אַזאַ מיט אויגן, ווי פאַרגליווערט פּאַפּ;
אין בלויער שיין פון לאַמטערן זיצט אַ מאַן,
ווי שוואַרצער לעבעדיקער יוכט,
עלנבויגנס אָנגעשפּאַרט אין קני,
הענט — ווי לייכטער צוויי
מיט שוואַרצע ליכטלעך צען.
ס'כליפּעט שאָטן.
ווערטער פון מויל:
— פליש פון מיין פליש, ביין פון מיין ביין.
שטאַרב, שטאַרב, פּראָוואָקאַטאָר...

1932 ,וואַרשע

אין װאַרשע

א

איך בלאָנדזשע דאָ אַרום אַ גאַנצן טאָג
גאַס־איין, גאַס־אויס
און זע, װי לײַט װי זאַטע גאַפּן:
„װאָס פאַר אַ חנעװודיקער ייִנגל!
װאָס פאַר אַ קינד!
עס שמעקט דאָס לײַב מיט אַקאַציעס,
מיט קאַרשן,
און ס'בליִען שטערן זילבערנע בײַ אים אין בלוט!"

און איך —
כ'באַװײַן מײַן האַנט, פאַרװאָס זי איז אַזוי־אַ שטיל,
נאָך שטילער פון אַ כּותל
אין מײַן היים —
װאָלין,
און גיט נישט עמעצן אין קאַרק:
עס װיל דאָס קינד אַ שטיקל ברויט!

ב

בײַ אַ טויער שטייט אַ זינגער
מיט אַ געמיט, װי אַ בלויער לויכטנדיקער לאָמטערן,
און שליידערט קלאַנגען אויסגעמישט מיט שיין.
עס הוידעט זיך זײַן גרויע בעטלערישע האַנט,
װי אַן אָסיענדיקע צװײַג
מיט צען טויטע װאָראָבייטשיקעס, —
דאָס בין איך.

אַן אַרבעטסלאָזער פאַלט אַנידער אויפן טראָטואַר
און קײַעט די יונגע לבנה, װי אַ זילבערנע באַנאַנע,
לעם די פאַרבראָכענע הענט פונעם אייגענעם שאָטן, —
דאָס בין איך.

אַ שכן אָן אַ דאַך,
מיטן איבעריקן טשעמאָדאַן פון זיין לעבן
בעט זיך אויס אַ געלעגער אין דער ווייסל
ביים ליכט פון טרערן, —
דאָס בין איך.

עמעץ האָט פאַרוואָרפן אַ פענדל אויפן טעלעגראַפן־דראָט, —
דאָס פלאַטערט מיין האַרץ אַקעגן דער וועלט.

ג

נאַכט.
אויטאָ־געביל.
די טראַמווייען גליטשן זיך אויף שינעס,
ווי פאַרגליווערטע שלאַנגען אָן קעפ
און אָן וויידלען.
וואַרשע רוישט מיט אָן אַ שיעור
פייען:
פּראָוואָקאַציע,
פּראָסטיטוציע,
פּולווער און
פחד . . .

פּאַרט וועט זיך אַ ריס טאָן דאַך פּראָטעסט,
ווי אַ ווינט מיט רויך און
פלאַם.
נאָר דערווייל בליפּעט עמעצער געבויגן,
ווי אַ ווערבע, —
ס'איז אַ וודאי מיין געמיט
לעבן טייכל פון מיין עלנט.

ד

שוועסטערל!
ס'האָט נאָך קיינמאָל נישט קיין הפקר־לייב

אויפגעציִשעט שוועבעלעך פון זינד
אין רויטן בענזין פון מיין בלוט
ביי אַ טונקעלן ראָג;

און כ׳האָב קיינמאָל נישט פאַרשעמט דאָס אויג,
וואָס האָט געלויכטן, ווי אַ דימענט,
אויסגעשליפן אין דער שלייפעריי פון נויט,
און געפּאָדערט לויך.

און זע:
איך ליג אַצינד צעבראָכן, נידערטרעכטיק
לעם דיין אָפּגעדעקטן לייב,
און ס׳גליט אַ פלעק אין מיין געוויסן,
ווי אַ וואונד,
ווייל ליידיק איז דער טאָפּ ביי מיר,
און ס׳בליקט זיין מויל צו ווענט פון הויז
מיטן נעצל פון אַ שפּין . . .

זיי מוחל מיר, שוועסטערל, די טאָפּעלע זינד
אין אונטיקער שעה.

ה

ס׳טוט ווי אַזוי,
הונגעריקע ברידער!

אין איינעם אַ מאַי־טאָג,
ווען ווינט שפּרינגט אַרום איבער שטאָט
מיט אַ צווייגעלע בעז אין די לאַצן,
און שוואַלבישע עקן, ווי אָפענע שערלעך,
צעשערן אין רוימען
דעם בלאָנדן, צעפלאָכטענעם צאָפּ פון דער זון, —

האָב איך אייך געזען, מיינע ברידער, ביי ראָגן
זיך העלדיש פאַרפלעכטן

אין פלויטן
מיט צייטיקן שטורעם אין אויגן
אַנטקעגן געיעג
פון די יאָגער
און . . . דרימלען דערנאָכדעם, ווי קינדער
אויף רויטע מאַטראַצן
פון אייגענעם בלוט
און אונטער די קאָלדערעס שוואַרצע
פון ראָבן.

ס'טוט ווײ אַזוי,
הונגעריקע ברידער!

מיין פריינט דער אינוואַליד

מיין פריינט,
דער אינוואַליד פון פּאַפּיראָסן־קלייטל,
האָט מיר דערלאַנגט אַ שאַכטעלע „ערגאַ",
אַן אויסגעפּלעקטס מיט קינדערישע טרערן:

— מע האָט געגעבן מיר אַ פוס אַ הילצערנעם
אַנשטאָט אַ ביינערנעם,
אַ בודע פאַרן קרומען הונט,
און אויך אַ ביי־פאַרענדערט ווייב,
וואָס קריכט אַוועק פון דעם געלעגער —
אַ טשערעפּאַכע, אין דער נאַכט,
ווען עס צעבליט זיך אין מיין לייב
דער רויטער שטערן פון באַגער — —

— אָ, זאָג מיר אָבער, ברודערל,
וואָס שמייכל דיינער בליט מיט טרויער פון דיין ראָסע,
מיט טרייסט צו איטלעכן בידניאַק, —
וואָס איז דאָס אַלץ אַקעגן הענט,
וואָס זיינען אָנגעזאַפּט מיט גסיסה־כאַרכל
און בלוט
און בעטלען ציטריק ביי דער וועלט:
גיט גומענע פאַר ביינערנע,
גיט הילצערנע פאַר ביינערנע!
אָ, נעמט אַוועק אומזיסט אונדז פונעם גוף!

אין אַ פּאַרק

ווי בלוי דאָ איז!
בלאָנדע קינדער אין העמדלעך ביז קני
וואַקסן אויס אינמיטן שושקעריי פון בלעטער
אויף ביימערשן געצווייג.
שוואַנען שווימען אין באַסיין,
ווי אין אַ ריזידיקן בעקן,
מיט העלדזער געוואַשענע אין מילך
פון אייגענע טרוימען.
אַ וועוויריקל שפּילט זיך אין באַהעלטערלעך
צווישן קודלעס פון גראָז . . .

און גוט איז שפּאַצירן פון אַליי צו אַליי,
ווען פּאַרנאַכטיקע שעה, ווי אַ שטילע שוועסטער
אין בלויען פאַרטעך אויף טאַליע,
לייגט וואָלקנדלעך, ווי קאָמפּרעסן,
אויפן רויטן אויג פון טאָג;
און פאַרגעסן אַ רגע,
כאָטש אַ רגע,
אַז ערגעץ,
ביי בוקעטן אַסטרעס אויף מאַרמאָרנע טישלעך
עסן איצטער נאָכטמאָל הדרת־פּנימדיקע לייט
מיט רויטע קערק,
מיט ציטער־שטערן אין קראַוואַטן,
און שמועסן אַזוי רואיק און קאַלט
פון די,
וואָס שטילן הונגער מיט אַ פּלעשעלע יאָדינע,
און פון יענע שמאַראָוואָזן,
וועלכע ס׳בייסט דער פּאַוויאַק,
ווי אַ רויטער פאַרבלוטיקטער צאָן.

מאַרשאַלקאָווסקע, מאַרשאַלקאָווסקע...

מאַרשאַלקאָווסקע, מאַרשאַלקאָווסקע!
דיין נאָמען איז קלינגעוודיק און שיין,
דיינע וויטרינעס שמייכלען צו פאַרבייגייער
מיט וויינטרויבן, מיט באַרן און מיט פלוימען.
נאָר דער נאַכט־וועכטער פון דיין טויער,
וואָס האָט נעכטן געטונקען ברויט
אין האָניק פון דיין גנאָד,
איז היינט ביינאַכט שוין
געליגן ביי טרעפ פון וואָקזאַל
אויפן קלימעקל זאָרג
און געציילט אין חלום דעם רעגן גאָלד פון הימל
אין זיין זילבערנער באָרד.

מאַרשאַלקאָווסקע, מאַרשאַלקאָווסקע!
דיין נאָמען איז קלינגעוודיק און שיין,
דיין האָנט פוצט אויס מיט פאָק,
מיט פיי, מיט קאַראַקול;
די בלאָנדע בלומען־פאַרקויפערן אָבער ביי דיין ראָג
האָט פלוצעם דערשפירט אין אייגענעם גאָרטן אומלויפן,
ווי אַ כיטרע פיקסעלע, אַ טריפער
און אונטערן ווייסן פענצטערל פון איר העמד
דערהערט אַ געקלאַג פונעם האַרץ,
ווי פון אַ צעבראָכענעם טויבנשלאַק.

מאַרשאַלקאָווסקע, מאַרשאַלקאָווסקע!
דיין נאָמען איז קלינגעוודיק און שיין,
דיין לייב שמעקט מיט מוזיק, מיט טענץ, מיט פאָעזי.
נאָר די נשמה פונעם טריסקער דיכטער
שרייט נאַקעט ביי דיר אויף אַ דאַך,
אַ באַפאַלענע פון בינען,
און ער אַליין גייט אויף קוליעס
איבער הויפן מיט גיטאַרע
און שפילט די אומעטיקע מעלאָדיע
פון „וואָלגאַ, וואָלגאַ מאַט ראָדנאַיאַ״.

וואַרשעווער מאָטיוון

א

נישט אומזיסט וועקט קינדיש געוויין
אַ גאַנצע נאַכט מיין בלויע שויב.
אינדערפרי האָט אַ מאַמע אונטערגעוואָרפן
איר זעקסטאָגיק קינד אויף קאַרמעליצקע
און פאַרקייקלט זיך צו ראָג,
ווי אַ צעבראָכענע פייכטע וויג.
איז געלעגן דאָס קינד
אויפן קאָרק פון דער גאַס,
ווי אַ טונקעלע עקזעמע,
און אַלע האָבן עס אויסגעמיטן —
סיי בערדיקע מענער,
סיי לויטערע דאַמען
און אַפילו דער טאָג,
וואָס האָט זיך איינגעבויגן,
ווי אַ בלאָנדער קעלנער
מיט אַ גילדן טעצל,
מיט ווייסע סערוועטקעס אין די הענט
און איינגעטיילט יעדן דעם חסד פון יולי.

נישט אומזיסט וועקט קינדיש געוויין
אַ גאַנצע נאַכט מיין בלויע שויב.

ב

נאַלעווקעס, נאַלעווקעס!
ביי מיינע יידישע ברידער
רינט זאָרג פון די בערד
און ביטחון פאַרדרייסט שוין נישט דאָס אויג צום הימל.

אַז צעשמעטערט זיינען אַלע ווינטמילן,
און אָנשטאָט ברויט באַשמירט מיט זון
אויפן טיש

ליגן אויפגעעפנטע בריוו;
קינדער קלאָגן
הינטער שלעסער און קראַטן:
— ווײ, ווײ!
מיר האָבן רעכט נאָך נישט באַוויזן
אויסצולײדיקן די טאָרבעלעך מיט רויטע זוימען,
און ס׳בליקן שוין די יאָרן אונדזערע
פון שוואַרצע ראָמען;
ווער וועט פאַרזייען
דאָס נאַכטיקע פעלד
אין צייט פון נסיון?

נאַלעווקעס, נאַלעווקעס!
גיב אַ קוק אויף מיר:
עס זיצט ביי דיר אונטער אַ סופיט
דער זיידע ברוך פון טריסק
מיט הערנער ליכטיקע אויף שטערן.

ג

ווי שיין דו ביסט!
און נישט אין בלאָנדן קאָרן,
און נישט צעווישן רויזן
האָב איך דיך געפונען.

אויף בידנער סמאָטשע,
אין בלייכער שיין פון הונגער
ביסטו אויפגעגאַנגען.

ס׳האָבן איינמאָל דיינע אויגן
אָנגעהויבן בלוי צו רעדן
און פאַרטרויט מיר,
אַז ס׳האָט מיין פנים זיך פרילינגדיק צעשמייכלט
אין פאַרשלאָסענעם מעדאַליאָן פון דיין האַרץ,
און אַז עס נייען אויס דיינע צעשטאָכענע פינגער
אויף פרעמדע וועשן
אומגעריכט מיין נאָמען.

ווען אַ וואָלקן נעמט צוואָגן די שטאָט

ווען אַ וואָלקן נעמט צוואָגן די שטאָט
פון די האָר ביז די קנעכל,
ווי אַן איבערגעקערטע מולטער,
פליען רייכע בירגער אין פאַרמאַכטע קאַטשן,
אין עלעגאַנטע אויטאָס,
אַז אַט־אַ ווערן זיי צעשטערט
אין געיעג;
און איך, דער אָרעמער פּאָעט,
וואָס איז פאַרליבט אין נעץ,
ווי אין שטימונגען פון אַ מאַרשאַלקאָווסקער דאַמע,
פאַרגיי, למשל, ביז קראַכמאַלנע
און שטעל זיך אַנידער אונטער אַ דעכל —
אַ געטרייער אָפּענער פּאַראַסאָל...

שפּעטער, אָבער,
ווען ס׳לייטערט זיך אויס,
גייען שוין די רייכע בירגער פּאַוואָליע צופּיס,
שמייכלען אַזוי פאַרחלומט
צו דער שיינער לבנה אויף שויבן,
ווי צו אַ צייטיקן אַנאַנאַס;
און איך, דער אָרעמער פּאָעט —
איך פלי גאָר דעמלט אינדערלופטן
צעריסן אויף שטיקער —
ווייל לעצטנס קוקט די לבנה צו קראַכמאַלנע,
ווי אַ דראָענדיקער פּיסק פון אַ האַרמאַט...

וואָס טוט מען מיט די מאַמעס פון דזשיקע און פּאַווּיע?

אָווּנטס קומען זיי אַליין אין וויזיט
צו די זיבן טויערן פון מיין געמיט
מיט דעמער און בייגל אין קערב
און פּליסטערן שטיל־און־שאַ
אַן אַ מויל:
„אייגענע קינדער
ווילן נישט עסן דער מאַמעס האַרץ,
גיבן מיר עס שטיקלעכווייז אַוועק דער גאַס
אין ריטעם פון אָרקעסטערס און טראַמווייען...״

באַטראַכט איך מיינע הענט
און שטוין אַ שטוינונג:
זיי האַלטן נישט קיין שער
און שערן נישט די וואָל ביי לעמער,
נאָר מיין קאָפּ איז געבויגן נידעריק
צו שטויב פון ערד,
און ס׳הענגט מיין געוויסן איבער דעכער פון שטאָט,
ווי אַ רעקלאַמע־ליענטע,
מיט פלעקן פון זינד...
וואָס טוט מען מיט די מאַמעס פון דזשיקע און פּאַווּיע?

פאַר גענזונט!

פאַר געזונט.
גריס דאָרט דעם אָמור,
גריס אונדזער עפּלבוים,
וואָס האָט שוין אַראָפּגעלאָזט פון צופּיל לאַסט
די הונדערט הענט ביז די קנעכל,
און אונדזער מאַקוואוקע, וואָס ציט דעם ווינט ביי די פּאָלעס:
„כ'בין פול און צייטיק
און האַלט זיך קוים אויפן פּיסל;
דו, ברוינער יונג מיט וואַרעמען אָטעם,
צעשפּאַלט, רייס אַראָפּ דעם זיגל פון מיין הויט".
און יענע אין די פּראָסטע בלוזעס
זאָג שטיל אויפן אויער:
„אין לאַנד פון דער ווייסל
איז אויפגעגאַנגען אַ שוואַרצער געוויסער,
שטייגט העכער און העכער
אָן לייטערס, אָן שטיגן.
און מיר —
מיר שווימען אום אין קעסטלעך
מיט ליים פּאַרקלייפּטע און מיט סמאָלע
און זעען בישט ביים ליכט פון אונדזער געוויין
די שוועסטער אינעם רויטן טיכל
מיט אַ קריגעלע זאַרג אויפן ברעג. —
פאַר געזונט!

בלוט

נישט נביאים, אַפּאָסטאָלן,
נישט פאַרלאָשענע זונען,
נישט אומגליקן אויף בערגער און טאָלן
זיינען אָנגעקומען וואָרענען, זאָגן: —
שטילע פּראָסטע פאָלקס־טריבונען,
ברידער מיט האַמערס, מיט שערן, מיט אַלן
האָבן געשריבן די וואָרנונגס־פּלאַקאַטן
און זיי געקלייפּט איבער גאַסן און ראָגן.

עס שטייען מסתמא די ברידער אַציינדערט ביי גראַטן,
אַזוי ווי פאַרגליווערטע בלייכע סטאַטועס.
און אפשר — אַ טעות —
ס'איז זייער געביין שוין באַוואַקסן מיט גראָזן.
נאָר לאָמיר דאָס לאָזן . . .

בקיצור —
אַ דורשט האָט אין רוים היינט צעפלאַקערט די יעגער,
און יעזוס איז שיצער.
איר הערט? בייגט איין נאָר דעם אויער:
אַ דורשט האָט אין רוים היינט צעפלאַקערט די יעגער,
און באַלד זיינען יעגער
מיט ווילדן גערויש, מיט כלי־זין
אַרויס אויף געיעג און געלויער:
בלוט!

עס גלעקלען גלעקער,
ווי וועקער,
ווי שרעקער,
און בייסן דעם דרימל פון טיר און פון טויער;
עס וואָיען סירענעס און וועלפּעכעס שרייען:
בלוט! —
זאָל זיין פון אַ נעגער —
פאַר יעגער,
פאַר גרעזער
פון גרויסן אַלמעכטיקן צעזאַר;
מיר מוזן פון דורשט זיך באַפרייען, —

בלוט!
און ווער וועט פאַרווערן,
און ווער וועט פאַרשטערן
דעם יום־טוב ביי איבערשטער שטרעמונג פון נילוס,
אַז שאַ און אַז שטיל איז,
אַז שלאַס הענגט אויף ליפן פון דין און פון דיין?
הוראַ־אַ בלוט!

פלייש פון אַ קאַלב וועגט מען אויפן פוד,
פאַראַן אַ פרייז אויף אַ שעפסעלעס וואָל,
נאָר מענטשן־פלייש וועגט מען אויף טאָנען,
און מענטשן־האָר — בזיל־הזול!

זעט, ווי פיין עס בליען די פיוואָנען,
ווי שיין עס חלומען די כריזאַנטעמעס, —
פאַשיסטישע לייז בעטן און מאָנען,
כאַטש גיב זיי די בלומען . . . נישט אמת?

איז נאַכט, צי ס'איז טאָג אַצינד?
ס'רייסט אויף אַ שוואַרצער ווינט
די לאַדנס פון מיין געמיט
און ברענגט אַ קינד,
אַן אַביסיניש קינד;
וויינט דאָס קינד און גליט און גליט:
„כ'בין דאָך נישט פאַרגאַן צו עמעצן אין סאַד,
נישט באַרירט דעם שאָטן פון זיין פלויט, —
פאַרוואָס־זשע שמעקט מיין לייב מיט יאָד?
פאַרוואָס־זשע שמעקט מיין לייב מיט טויט?"

איז נאַכט אַצינד? באַגינען?
ווער האָט דעם שליסל צו דעם סוד?
איך זע בלויז איינס: עס זיינען מיינע פינגער רויט,
און די אויגן — בליצן גרינע.

ס'וויינט אין מיין געמיט דאָס אַביסיניש קינד,
און שוואַרצער ווינט
ברענגט נאָך און נאָך.
נו, האָב איך שוין נישט מער געטראַכט קיין איין מינוט,
און אין מיין שוואַרצן בראָך
האָבן מייַנע פינגער אויפגעשריבן צען מאָל
אָן אַ זינען:
בלוט!
און — דערוואַרגן מוסאָליניַן . . .

⁂

מיר מאַכן שאָסייען
און לייגן אויס בריקן
אין בלוטיקע שאַכטן
פון זבות און קאָשמאַרן
און שפּאַנען איבצווייען,
צו זוכן דעם תיקון,
וואָס ריזלט אין שבייען
פון אייביקן שמאַכטן
און אייביקן אַרן . . .

יצחק לייבוש פּרץ

דו ביסט געווען אונדז, ווי אַ פאַרביקער לאַמטערן אינעם גרויען ווינט
מיט זיבן טויטן אינעם בליק.
דו האָסט באַגעגנט יעדן עכאָ אונדזערן מיט וואָרענונג־סיגנאַלן, מיט געוויג.
און מיר — מיר האָבן אין דיין שיין דערזען אַ זילבער־האָר אויף האַרץ
פון יעדן קינד,

און יעדער האָר געשטאַנען איז קאַפּויר,
און יעדער האָר געשריגן האָט: גענוג!
ס'איז איבער ראַנדן שוין דער קריג —
יהי אור!

אַז ווער האָט, פּרץ, זיך געמאָלט, אַז גולמס, אינוואַלידן, מאַריאָנעטן,
אַז דיין באַנטשע שוויג
דעם שטומען צונג אַזוי וועט געבן אַ צעבינד
און אומגעריכט אַרויס אין שטרייק,
אין בלוטיקן געראַנגלעריי מיט פּעטליע צאַרישער און ביקס
און וועט צעטרעטן יעדן איקס,
וואָס שניידט מיט סערפּן אָפּ די שניטן פון זיין פּראַצע און פאַרזיי?!
אַז ווער האָט, פּרץ, זיך געמאָלט דען, אַז עס וועלן דיינע נייטאָרנס
זיך אויסשטעפּן פון דעם געניי
תכריכים גאָר פאַר קהל און דער וועלט?
און, מיט רומיאַנעק־בלאָנדע צעפּ צעהעלט,
פאַרשטעכן גאָר אַ פינגער אין קידושין־רינגעלע פון מולד
אויף אַ זינגענדיקן הרי־את?
צי קלינגט עס דען נישט אין די בלוטן, ווי אַ וואונדער־מעשהלע
פון אַ שעכערעזאַד? — —

הער דאָס ליד פון נייע פייגל!
שנאָבלען שפּיציק, שאַרף די נעגל.
נייע פייגל — נייע לידער.

און דער סוף פון יענע ברידער ?
אַט־אָ דער, וואָס איז פאַראַרעמט,
איז געוואָרן קידער־ווידער,
אויפן רייכן זיך צעשטורעמט
און אויך אייביק אים פאַראַרעמט,
און אַ טאָג זיך אויסגעפורעמט,
און מע גייט אַזוי געאַרעמט, —
כאָטש עס שטייט נישט אין דיין סידור — —
נייע פייגל —נייע לידער.

דו ביסט געווען געגליכן צו אַ פאַרביקן לאַמטערן
און אַנגעזויגן אונדז מיט אור־הגנוז פון אַ בלאָנדזשענדיקן ניגון,
וועלכער זוכט אַ תיקון,
פון טרויעריקע דריי מתנות און פון שטערנדיקן קלערן,
וואָס לאָזט זיך נישט פאַרצערן און דערשטיקן.

און כאָטש ס'איז פרעמד אונדז אַפטמאָל דיין לבוש
און שמעקט מיט שטויב פון שטריימלען, אַטלאַסן און פליוש —
דאָך הייליק־טייער איז אַזוי דיין באַמען, וואָס זיין ערשטע העלפט
דערמאָנט אַ פינצטערע עקידה,
די צווייטע — אַ הערצאישן געבריל,
און משלים זיינען ביידע —
און אויך די דריטע מיטן „צדיק" — דעם דערגרייכטן ציל . . .

יהואש

אויף בריקן פראָסטע צו פאַרפּלייצטע און פאַרלאָפּענע אַמאָלן
און צו געוועגען מיט יאַרטויזנטער באַוואָקסענע, באַמאָכיקטע — שאָסייען
מיר גייען און מיר גייען.
עס ווערט דאָס אויג אונדז אַנגעקוואָלן,
עס ווערט אַזש אויג פאַרבלענדט פון זעען
די בילדער, וויזיעס, סימבאָלן,
געקריצטע שאַרף אַזוי און אויסגעמאָלן
מיט קריצערס און מיט פּענדזלען פון התראות און געשרייען . . .

פון אונדזער יידישלאַנד האָסטו, יהואש, די געהילצן אויסגעשניטן
און אַנגעזאַמלט שטיין נאָך שטיין פון אונדזער באָדן,
און האָסט פאַרוואָרפן בריקן נישט נאָר צו לעגענדעס און צו מיטן,
נאָר אויך צו בענקשאַפטן מיט בלוט־און־פלייש באַלאָדן.

ישעיהו־טרוים און עמוס־פרימיטיוו!
איר זענט שוין מערער נישט קיין היראָגליף,
נאָר לויטערער, פאַרשטענדלעכער באַגריף
פון העכסטער הייך ביז טיפסטער טיף.
איר זענט שוין איצט אַ פּראָסטער־שבפּראָסטער בריוו,
געשריבן פון אַ באָבען מיט אַ שטערנטיכל פשוט און נאַאיוו,
אַז איניקלעך, אוראייניקלעך איר זאָלן לייכט באַנעמען;
עס איז אַ שאָד דאָך צו פאַרטונקלען זיך מיט שאָטנדלעך פון קנייטשן, ברעמען,
מע זאָל זיך דאַרפן צוואָגן און מע זאָל זיך מוזן קעמען;
און יעדער בלוטיק־רויטער פאָדעם זאָל ווי שנייען ווערן ריין . . .

און נישט נאָר יידישלאַנד האָסטו, יהואש, אָפּגעהיט, דערהיט —
פון אייגן לייב־און־לעב,
פון אייגענעם געביין
האָסט אויסגעהאַקט זיך טרעפּ,
אַרויף מיט בלאָנדזשענדיקע טריט
אַלץ העכער, העכער,
אויב נישט נאָך העכער פון „אויב נישט נאָך העכער",
ביז ס'האָט באַרירט דעם ראַנד פון זונען־בעכער
אַ בין אַ דורשטיקע מיט טאָפּערס — דיין געמיט . . .

און זאָגט מען, אַז עס איז אין דיין געביין שוין טויט פאַרקנאָטן,
און ס'קראַנצט אַרום אַ קראַנץ עס פון צען ציטעריקע יאָרצייט־ליכטער —
טויכט אויף אַ קינדערישע שטוינונג אין איעדן שטריכעלע
פון אונדזערע געזיכטער,
און ס'זיינען „ביינען" שטרענגע צווײ די אויגן,
כאָטש אונדזער פּיין איז מזל־ברכהדיק אַזוי געראָטן,
כאָטש אונדזער פּיין זיפצט אויס אַ קריעה־זיפץ פון לאַץ געצויגן,
און ס'איז איר קאָפּ מיט זילבער גליווערדיקס פון יאַנואַר באַשאָטן
און פול מיט „יאָ'ען" אָנגעזויגן . . .

יאַנואַר, 1937

יידישע קינדער צו שלום־עליכמען

מיר שטרעקן אויס צו דיר די קליינע פינגערלעך אצינד
מיט גרוסן מערצענע, מיט קנאספּעלעך פון פרייד, —
אין ווינטערדיקער נאַכט, אין נאַכט פון ווי און ווינט, —
בליִען וואונדער אויף, ווי אויף אַ פרילינגבייט:
אַ, שרייבער לויטערער, פאַרהילט מיט שאַטן און מיט שלאָף
אין ניו־יאָרק רוישיקער און ווילדער — ווייס:
עס האַלט ביי אַלף נאָך, עס האַלט ביי בית,
נאָר בלוט זינגט שטיל שוין אויס דאָס ליד פון תיו...

ס׳באַגעגנט היינט נאָך אומעטום אונדז דיין געשפּאַט,
דיין געלעכטער אויסגעמישט מיט טונקלסטן געוויין,
ווייל ווי דעמאָלט איז דער שעכטער נאָך אַ גאָט,
און קאַסרילעווקע האָט אַלץ נאָך נישט קיין נעגל און קיין ציין...
נאָר מיר, די אויפגעהעלטע, וואָס פאַרשטייען שוין „מע מוז״,
וואָס ראַנגלען זיך מיט ווינטערנאַכט, מיט קעלט,
גיבן אויף קאַסרילעווקער אַ טופּע מיטן פוס.
און זאָלן זיי צו אַלדי שוואַרצע יאָרן גיין,
און זאָלן זיי זיך איבערקערן מיט דער גאַנצער וועלט!

זיבן טויערן פראַלט אויף אַ גרויסער טאָג
צו די, וואָס וואוינען אין דער נידער און אין טאָל —
אַדיע, דער אָפּגענאַרטער שמעון־עליע מיטן באָק,
אַדיע, מנחם מענדל מיטן פיינעם פאַראַסאָל...

שלום־עליכם, אַ, דו וואָס האָסט אַזוי געלאַכט,
אַ, דו וואָס האָסט אַזוי געוויינט, —
האָסט אַנדערש דאָך געטראַכט,
האָסט אַנדערש דאָך געמיינט!
וואָס מער נגיד מער סאָבאָקע,
וואָס מער קבצן מער הוליאַקע, —
און הוליאַקע בלייבט פּוליאַקע,
און דער קבצן האָט אַ מכה
און ער בלייבט ביי ויצעקו
טאָקע, טאָקע, טאָקע, טאָקע —
טאָקע, טאָקע אויפן הן!...

צי האָט אַ גלייכן דען דיין פּען?
צי איז פאַראַן אַזאַ, וואָס איז אין איר געראָטן? —
זי איז געווען אָט די, וואָס האָט אונדז צוגעגרייט
צו די נייע צען געבאָטן,
צו דעם לעצטן ליכטיקן באַשייד
פון רעטעניש אין לאַנד פון אָרעמקייט און נויט, —
דו ביסט ניט טויט!...

אָ, לאַנד מיינס!

א

אָ, לאַנד מיינס,
ס'האָט מאַרט אַראָפּגעריסן שוין די זוים
פון די פאַרגרויטע טישטעכער
אויף דעכער,
און ס'וועלקט די לעצטע ווינטער־ליליע שוין אין ווינקעלע פון שויב;
אַ גאָלדענע, אַ שיינע וועסלע —
שווימט אום די זון אין רוים
און יאָגט די כמורנע וואַסער־שטראָמען איבער ערד;
אָט־אָט וועט פרילינג נעמען לאַשטשען מיין געזיכט
און כ'וועל דאָס ערשטע מאָל אַ בלי טאָן —
אַ ווערבע ביי דעם ביימאַן
מיט פיל מיליאָנען צווייגעלעך פון פרייד;
און ס'וועלן קומען קינדער באַרוועסע צום שטאָם צו גיין,
און שניצן צווייגעלעך פון דעם געצוויג
און אויסשפּילן די פרייד צו גאַרער וועלט . . .

דו לאַנד, מיין לאַנד,
וואָס ברענגסט דעם ערשטן פרילינג מיר —
די שענסטע גאָב,
צי האָב איך ווען געקושט זיך מיטן ווינט,
צי האָב איך דען געבליט,
זינט ס'האָט מיין בליק זיך אָפּגעזעגנט
מיט מאַמעס וויג?

ב

אויף הינטערגאַסן עלנטע, אין טונקלען הויף,
איך האָב געהוידעט דעמלט שטומע וועבשטולן,
ווי מיטהס, אויף מיין האַרץ — — —
אויסגעמיטן האָט דער אַרבעטלאָזער וועבער מיך אין שרעק,
און בלויז די וואַראַבייען האָבן צוגעהיפּט צו מיינע קני,
מיט אויסגעשטרעקטע שנעבעלעך פאַרנומען רייד:
עס זעגלען שוואַרצע וואָלקנס צו דעם ווייסל־לאַנד,
ס'וועט אונטערגיין,
ס'וועט אונטערגיין
גאָר אָן באַנדאַזשן אויף דער וואונד — — —
עס האָבן זיך צוועלף מולדן שוין אויסגעלאָשן,
דער ווייסער אָדלער ליגט שוין מיטן בייכעלע אַרויף,
און איך — כ'גיי אום אַצינדערט איבער גראָדנער גאַס
מיט אויגן אָפענע צום מאַרט
און הער:
עס קוועלן זוימען אין דער טיף,
און גרעזער אָטעמען צעגרינטע אונטער טריט,
און ס'קנאַספּיקן מאָזאָליעס אויף מיליאָנען הענט — — —
אָ, לאַנד, מיין לאַנד,
ס'איז איבעריק מיין פרייד,
ווען ס'דורשטיקט זיך נאָך זאַפט
פון מיסט, —
אָט וואַרטן זיי,
אָט בענקען זיי
די פיר און דרייסיק בערגלעך מיסט פון מיינע יאָר —
פאַרנעם!

ג

גוט יום־טוב דיר, מיין לאַנד,
גוט יום־טוב, שטאָט,
גוט יום־טוב און גוט־יאָר,
פאַרטרעטן הייליקע, ווי זיילן פיר פון וועלט . . .

פון ברידערס־שוועסטערס הינטער־געסלעך
אַ גאָלדענעם, אַ וואונדערלעכן לייטער
לייטערט גראָדנע צו דער ריזלענדיקער קרעניצע פון זון — — — —

ווי גוט איז היינט,
אין מאַרט אין פיר און צוואַנציקסטן,
אין כוואַליעס וואַרעמע פון ווינט
אַזוי־אַ קלעטערן צעווישן ווילער־מחנות
מיט בלעטעלע אין האַנט — — — —

איך שטייג,
איך שוועב העט־העט אַרויף,
און הינטער מיר,
באַגלייך מיט מיר —
די שאָטנס לאַנג־פּאַרלאָשענע פון שלעסער און פון גראַטן
און מיט געזאַנגען . . . איבערפרי . . .

העי, העי!
ווער ס'רירט זיך נישט פון שוועל,
דער כאַוועט אינדערשטיל אַ שלאַנג
פאַר אונדזער פאָן און אָטעם אויס — — —
אַ שטיין — אַ פיינט,
אַ האַק — אַ שלאַנג,
און אַ גוט יום־טוב דיר, מיין לאַנד,
גוט יום־טוב, שטאָט,
גוט יום־טוב און גוט־יאָר.

גראָדנע, 1941

בלעטלעך פּראָזע

דאָס געזאַנג פון אונדזער קינד

דאָס געזאַנג פון אונדזער קינד איז דאָס געזאַנג פון דעם גרויסן מאַסן־קאָלעקטיוו. פּונקט ווי אַמאָל ביי מענדעלען איז הערשעלע געווען — נישט קיין קינד, נאָר אַ דערוואַקסענער, אַ גרויסער ייד מיטן שווערן גייסטיקן באַגאַזש פון דער אומה, אַזוי איז אויך היינט. אונדזער קינד טראָגט אויף די פּלייצעס די גאַנצע משא פון די יגיע־כפּימניקעס און פון די מעשׂענע אַרבע־טער־בערד.

— דיין ליד איז מיין ליד, דיין פרייד איז מיין פרייד.

אַ מינוס איז אַפילו יאָ דאָ. יענער מינוס, וואָס איז פּלוס — עס פעלט דאָס ספּעציפיש־יידישע הויקערל . . . ווייל:

— די שול גלייכט אונדז אויס די געבויגענע רוקנס!

און אויב מינוס איז דיינס און אונדזער אַלעמענס, איז שוין גאָרנישט פּלאַ־פּלאַימדיק, וואָס אונדזער קינד ברענגט צום אויסדרוק אַזויפיל צייטיקע טראַגעדיע, אַזויפיל געכאָוועטע פרייד אין דער קינדער־פאַרשטעלונג.

און . . .

שטייענדיק אויסגעדרייט מיטן רוקן צו דער אונטערגייענדיקער איינ־געבירגערטער באַנאַליטעט און געשמאַקלאָזיקייט פון דער שטעטלשער קליינבירגערלעכקייט, — האָט עס גאָרנישט בדעה נושא־חן צו זיין, ס'איז לאָוו־דווקא . . .

איך שרייב וועגן זשעטל, און ס'איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דער גאַנ־צער פּראָווינץ. נישט מער זשעטל האָט נאָר־וואָס אויסגעבלוטיקט אַ פּרעכ־טיקן שול־בנין, און דאָס אַליין זאָגט שוין עדות וועגן אַ נישט דורכשניטלע־כער קולטור־אַטמאָספער.

מענדעלע, פּרץ, שלום־עליכם, האַלינאַ גורסקאַ (אויף יידיש) און טור־ווים זיינען געווען פאַרגעשטעלט אויף דער קינדער־פאַרשטעלונג. מענדע־לעס אַנאַטאָמישער שניט אין דעם יידישן דאַן־קישאָטיזם, שלום־עליכמס שפּרודלענדיקע, לאַכנדיקע קרעניצע ביים מדבר פון די כפּרות־שלאָגערן, פּרצעס סאָציאַלער פּאַטאָס, גורסקאַס טיפע מענטשלעכע סטיכיע און טור־ווימס „שלעזיע זינגט״, — האָבן דערציילט און געוועקט צו אַנדערשקייט, צו אַ ראַדיקאַלן שנוי אין אונדזער טרויעריקן לעבנסשטייגער.

מע קאָן עס דרייסט אָנרופן קינסטלערישע אויפפירונג. וואָרן מע האָט דאָ אין קיין פאַל נישט צו טאָן מיט איינאיבונגסמעסיקייט און אויסגעדרע־

סירטקייט. אונדזער קינד איז לגמרי נישט עלול צו זיין אַ ליאַלקעלע מיט אַ ספּרוזשינע. דערפילט עס נאָר דעם סאָציאַלן קינסטלערישן אָטעם, אַזוי שלינגט עס באַלד איין — ספּאָנטאַן.

וועןשטיפעריי און קינדערישקייט — איז שטיפעריי און קינדערישקייט, און וועןערנסט — איז ערנסט. אַ פּשיטא באַך, אויב ס'גייט אין אַקטואַליען. אונדזער קינד איז באַהאַפטן מיט די צייט־געשעענישן און צייט־ווייען. ס'איז שוין אַ קינסטלער אין מיניאַטור, וואָס ברענגט צום אויסדרוק פּראָטעסט און געשריי פון עוולה, צער און צאָרן און אַלץ, וואָס ברויזט אין געמיט פון דער געקריוודעטער מאַסע.

די טראַגעדיע פונעם ציגייַנערל מיטן צעבראָכענעם פידל אין גורסקאַס „גאַסן־ייִנגלעך" האָט געפונען איר תיקון אין געזאַנג פון אַ שילערן פון זיבעטער אָפּטיילונג. זי האָט כשר פאַרדינט, מע זאָל איר באַמען דערמאָנען. ע. קאָוועגסקי האָט געזונגען מיט האַרץ, מיט איבערלעבונג און, ווי זאָגט מען עס, ממעמקים. 1)

עס וואָלט פאַרנומען צופיל פּלאַץ איבערצוגעבן פּרטים. איך בין געשטאַנען און אָנגעקוקט די מאָגערע, אויסגעדייוועטע קינדער און געהערט, ווי עס טריפט אין מיין בלוט דאָס געזאַנג פון אונדזער קינד, דאָס געזאַנג פון דער מאַסע.

זשעטל, 1937

---

1) ע. קאָוועגסקאַיאַ איז היינט אַ זייער טאַלענטירטע אַרטיסטן פונעם מאָסקווער יידישן מלוכה־טעאַטער. — אַרויסגעבער.

ווידער מיט די קינדער

אַ סעפּטעמבער־טאָג. די וואָלקנס ראַנגלען זיך שוין מיט דער זון, און זי, די זון, די באַפאַלענע, פאַרבייסט אַלעמאָל אַ פאַרבלוטיקטע ליפּ, אָדער אַנטרינט איינגאַנצן מיט דער פאָרפאָרנער שלעפּ.

דער אויטאָבוס פּויזעט איבערן רוקן פון נאָוואָיעלנער שאָסיי. עס גייען אים אַנטקעגן די נאָוואָיעלנער וועלדער מיט פאַרטראַכטע וויליעס צופּוסן, שיקן אַרויס פאַראויס אַ יאָדלע, ווי אַ גריבער פלאַמיקער פּיראַמיד, נאָר דער אויטאָבוס מיידט זי אויס, סאָפּעט, צישעט, הוסט און קומט סוף־כל־סוף אָן אין שטעטל, ווי אַ חולה־מסוכן אין אַ חרובן פאַרוואַרלאָזטן שפּיטאָל.

אויפן שלעכט־טראָטואַריזירטן מאַרק־פּלאַץ וואַרטן מיר שוין אָפּ די שול־קינדער. זיי זעען אויס אויסגעמאַטערטע פון די פעריען, און אונטער די וויעס צאַפּלט און פינקלט שוין אַ בענקעניש צו אַרבעטן און לערנען.

באַזונדער, אין אַ זייט, שטייט דער לעצטער אַרויסלאָז. שוין „גרויסע און דערוואַקסענע". איך קוק שאַרף אָן די קינדער: מע זעט אויס, ווי מע זעט אויס — טראַגעדיע.

די קינדער ווייסן עס אַליין. דעריבער פּעלט אויס ווערטער. און צווישן שטעטלשן הו־האַ, צווישן האַנדל־וואַנדל און טונקעלן קלויסטער־קלאַנג דער־ציילן מיר זייערע אויגן פון וועלן פאַרזעצן דאָס לערנען אין ווילנער רעאַל־גימנאַזיע, און נישט האָבן קיין מיגלעכקייטן; פון דעם, וואָס ס'איז איצט נישטאָ אַפילו קיין בוך אויף צו לייענען: צוויי ביבליאָטעקן געווען, און מע האָט ביידע פאַרחתמעט. פאַרוואָס? פאַרוועז? אויס פאַרוועגען, אויס פאַרוואָסן!

דער ווינט רייסט ביי די שטעטלשע פלויגי די שיינע סאַמעטענע געאָר־גיניעס. דער ווינט רייסט די לעבעדיקע געאָרגיניעס ביי מיין זייט. און נישט נאָר דידאַזיקע, נאָר צענדליגגער, צענדליגגער אַביטוריענטן פון פּופּציק שולן. צענדליגגער, צענדליגגער באַשפּריצטע מיט פּיין און בלוט, געהיי־ליקטע מיט שיין פון פּרצן און שלום־עליכמען, פון אַפּאַטאָשון און לייוויקן.

און מיט וואָס לעשט מען דעם טרויער אין די קינדערישע אויגן?

פאַרן שליסן דאָס פאַרגאַנגענע שול־יאָר האָבן זיי געגעבן אַן אָוונט פון יידישער פאָלקס־קונסט. אַן אָוונט, וואָס האָט אויפגעהויבן די שול מיט זיבן שטאָפּלען העכער. דיזעלביקע קינדער האָבן אויסגעבלישטשעט די טרער פון דער פאָלקס־מאָסע, אויסגעטאַנצט די „שער" פון דער צעקנייטש־טער באָבע מיטן ברילאַנטענעם בראָשל און געשטיגן, געשטיגן אין לאַנד פון כולו־רוחניות און שטערן, מיט מוטערפּערלנע פליגלען און גאָלדענע אויגן.

דיזעלביקע קינדער האָבן אויף אַ באַגעגעניש אין ווילנע מיט קינדער פון סווענציאַנער, גראָדנער און אַנדערע שולן אַריינגעבראַכט צו זיי אַ שטיק פרילינג מיט סמאַראַגדענע שפּראָצונגען — — —

איך ווייס אפשר יאָ, וואָס זיי צו זאָגן, נאָר איך קאָן זיי עס נישט זאָגן. איך קאָן זיי אין איצטיקן מאָמענט נישט אויפקלערן, אַז נאָר אַזאַ שטאָק־פינצטערניש וויגט אויס אין איר וויג אַ ליכטיקן מולד —

דאָס איז אַ בעכער מיט לויטערער נחמה אויף דער דלאָניע פונעם שפּעטער. — —

און אָט האָבן זיך געעפנט די שול־טירן.

דער נייער שול־בנין זעט אויס ווי אַ מזל־ברכהדיק פעלד מיט אַ כוואַליעדיק געראָטעניש פון קינדער ; אַ זוניקער, כלינענדיקער געוויסער, וואָס וואַקסט. ס'איז דערהויבענער יום־טוב אין דער קינדער־וועלט. עס נעמט זיך פלעכטן אַ קראַנץ פון הענטלעך און פיסלעך, ווערט גרעסער און גרעסער כאָטש צעוואַליע די ווענט. דו ווערסט אַריינגעצויגן אין מיטן, און דו ווייסט נישט ווי אַזוי און דורך וועמען.

און דער אַרויסלאָז שוועבט שוין אויך אין ראָד. די אויגן זיינען סטאַוולעך מיט פרייד און גלויבן, נאָר אויף די פנימער, אויף די פנימער פאַכעט מיט שאָטנדיקע טיכער דער „וואָס וועט זיין ? . . .”

עס דרייט זיך אין שול די חדווהדיקע קינדער־ראָד, עס דרייט זיך מיט געווירבלעריי דער אַרויסלאָז, נאָר אויף די פנימער פלאַטערן אויף שאָטנדיקע טיכער ביי דער דערמאָנונג :

וואָס וועט זיין ? — — —

אין דרויסן רעגנט. די טראָפּנס פאַלן טריב און שווער. איך פלאָנטער זיך אַהיים צווישן שמוציקע קאַלוזשעס מיט דערטרונקענע שווינדזיכטיק־געלע בלעטער. די הייזער קוקן מיט קוואַדראַטפאָרמיקע פייכטע אויגן אונטער גרויע, פאַרגליווערטע ברעמען פון דעכער. די הייזער זעען אויס ווי קוקנדיקע הויקערס. אַ פול שטעטל מיט הויקערס. אויב עס הענגען נישט אויף זיי די טאָרבעס, ווייסט מען, אַז זיי זיינען דאָ. אין די קראָמען „קראָמט” זיך. מאָדנע קראָמען ! מע גייט נישט אַריין אין זיי „דירעקט”. פאַר זיי איז אַ קאָרידאָר, וואָס ציט זיך לענגאויס דער גאַנצער שורה קראָמען. דער קאָרידאָר — אַ משופּעדיקער דאַך אויף ווייסע רונדע סלופּעס, איז איצט פול מיט אַן אויסגעדייוועטער, פאַרחושכטער פויערן־מאַסע. אין די קרעמלעך באַמערק איך דאָ און דאָרטן אַ קאָפּ פון אַן אַביטוריענט אָדער אַביטוריענטן. זיי לאָזן אַראָפּ די קעפּלעך פאַרשעמט און פאַרשווינדן אין דער טונקלקייט פון קרעמל־חלל. אַפילו אַ מאַמע מאַכט זיך עפּעס זוכנדיק, ביז איך וועל פאַרבייגיין . . .

גיי קוש נישט אויס דידאָזיקע אַראָפּגעלאָזטע פאַרשעמטע קינדערישע קעפּלעך !

נאָכבאַמערקונג פון ל. אָליצקי

צוליב דער שווערער לייענבאַרקייט פון מיין ברודערס, ברוכס, האַנט־שריפט בכלל — אַ מין שטיל סופריש רש״י־כתב, אָבער מיט דער ריסי־קייט פון זיין, ברוכס, כאַראַקטער, און צוליב דעם שווערן סטיל פון זיינע לידער, — האָט אָפט דער בחור־הזעצער געמאַכט פעלערן אין אותיות און ווערטער, וואָס האָט געשעדיקט דעם ריטעם און דעם זין פון דער שורה, טיילמאָל ביז אומפאַרשטענדלעכקייט.

ערטערווייז, קאָן מען זיך משער זיין, זיינען ווערטער געענדערט גע־וואָרן צוליב דער דעמלטיקער פאַשיסטישער פוילישער צענזור.

איך האָב די פעלערן לויט מיין איינזען פאַרריכט.

בכדי צו פאַרלייכטערן דעם לייענער דאָס אויפנעמען דעם אינהאַלט, ווי אויך צוליב טעכנישער צוועקמעסיקייט, האָב איך אין טייל זייער ברייט־שורהדיקע לידער, וואָס ס'איז כאַראַקטעריסטיש פאַר ברוכן, אַנדערש גע־בראָכן די שורות.

איך האָב די לידער געסדרט און איינגעטיילט לויט זייער אינהאַלט, בעסער געזאָגט, לויט זייער אָנגעהעריקייט צו אָרט, נישט כראָנאָלאָגיש, צוליבן פעלן פון די האַנטשריפטלעכע טעקסטן.

קיין וועזנטלעכע שינויים אין מיין ברודערס טעקסט האָב איך זיך, פאַרשטענדלעך, נישט דערלויבט צו מאַכן.

שטייענדיק מיט יראת־הכבוד און מיט טיפן וויי אין דער נשמה איבערן ערגעצדיקן קבר פון מיין יונגערן ברודער, וואָס איז אומגעקומען אין סאַמע בליי פון זיין שעפערישער דיכטערישער טעטיקייט, אין סאַמע פון זיין שטייגן באַרג־אַרויף, — בעט איך ביי אים, ער זאָל מיר מוחל זיין, אויב איך האָב עפּעס, חלילה, פוגם געווען אין זיינע שאַפונגען:

מיין כוונה, ברודער, ברוך, איז געווען צום גוטן.

לאָדזש, מאַי, 1947

ברוך אַליצקי

א.

עס ליגן פאַר מיר אַ צאָל לאַנגע, ווייסע אָפּדרוקן, און אויף זיי — דאָס געראַטעוועטע פּאָעטישע פאַרמעגן פון דעם יונגן, אומגעקומענעם דיכטער און בן־עיר מיינעם — ברוך אַליצקי.

דער עלטערער ברודער, דער לעבן־געבליבענער שריפטשטעלער לייב אַליצקי דערציילט אין ציטערדיקע, אָפּגעהאַקטע פּאַראַגראַפן וועגן דעם אומ־געקומענעם ברודער ברוך. ווי אַ צוגאָב צו דעם דערציילן זיינען אויך זיינע פּאָר רירנדיקע לידער און אויך דאָס ליד פון דעם ייִנגסטן לעבן־געבליבענעם ברודער, דעם דיכטער — מאַטעס אַליצקי.

— נעם די קאָרעקטור־אָפּדרוקן, — האָט צו מיר געזאָגט נחמן מייזיל, וואָס איז געווען דער ערשטער רעדאַקטאָר פון דעם אומגעקומענעמס לידער.

— נעם און דערצייל דו אויך עפּעס!

איז וועגן וואָס זאָל איך פריער אָנהויבן צו דערציילן אינעם איצטיקן מאָמענט?

דאָס אויפגעזאַמלטע פּאָעטישע פאַרמעגן, אויף די לאַנגע, ווייסע קאָ־רעקטור־אָפּדרוקן האָלט מיך געשפּאַנט, ווי עפּעס, וואָס איז מיר ביז גאָר אייגן, און די לאַנגע, ווייסע פּאַפּירן הייבן אָן צו ווערן אין מיינע אויגן וועגן נאָך וועגן, וואָס דרייען זיך און שלענגלען זיך, טיילן זיך פונאַנדער און פאַלן צונויף איינער אין דעם אַנדערן ביז זיי ווערן סוף כל סוף איין וועג, איבער וועלכן איך קום צוריק אינעם געבוירן־שטעטל מיינעם, וואו עס איז נאָך מיין אָפּפאָרן, אויפגעקומען אין איין משפחה אַ גאַנצער דריילינג אין דער יידישער ליטעראַטור אַריין.

לייבל, ברוך און מאַטעס — די קינדער פון נחמן און רייזל יעקבֿ מאיר, דעם גבאי׳ס.

די פּען רייסט זיך צו דערציילן וועגן דעם פאָטער, דער מוטער, וועגן די עלטערע ברידער פון אָט־דעם דריילינג, וואָס זיינען אַוועק פון דער וועלט אַזוי יונג, און אַוודאי וועגן דעם זיידן יעקב מאירן, וואָס האָט פאַראייניקט אין זיך תורה און סחורה און איז געגאַנגען שטענדיק אין געפּוצטע שטי־וועלעך.

אָבער איז דען דאָס, וואָס מען דאַרף איצט דערציילן? ניין. איצט דאַרף מען דערציילן וועגן ברוכן, וועמענס פאַרמעגן עס צוויטעט אויף די לאַנגע בויגן און וועט שוין פאַרבלייבן אָט אַזוי צוויטעדיק אין דער אייבי־קייט אַריין.

ב.

— צוויט!

אַט אַזוי האָב איך אים אָנגערופן אין מיינע מחשבות, ווען איך האָב אים צום ערשטן מאָל דערזען אין מיין געבוירן־שטעטל טריסק, וואוהין איך בין געקומען אין יאָר ניינצן ניין־און־צוואַנציק אויף אַ באַזוך.

קאָלירנדיקער ציכטיקער צוויט איז געווען די שורה פון זיין ליד, און ער אַליין אויך אַזוי.

ווי אַלט איז ער דעמאָלט געווען? מסתמא אין די צוואַנציקער, און אַזוי האָט ער אויסגעקוקט, כאָטש באַלאַדן איז ער שוין געווען מיט אַ ווייב, אַ קינד און אַ שיך־קליימל, פון וועלכן ער האָט געדאַרפט ציען דאָס ביסל חיונה.

עס איז געווען אַזוי מאָדנע צו זען אַט דעם שיינעם, יונגן ברוך אין זיין קליימל צווישן די שיך און שטיוול!! עס איז אויך געווען ביז גאָר מאָדנע צו טראַכטן, אַז ער איז דער מאַן פון דעם ווייב, וואָס איז געזעסן ביים טיש־קעסטל, און מיט אירע דריבנע פינגער איבערגעציילט דאָס ביסל פדיון.

אַ ביז גאָר ליב און אָרנטלעך יידיש ווייבל געווען, אָבער לעבן אים האָט זי אויסגעקוקט, ווי אַ נידעריק אַגרעס־ביימל לעבן אַ שלאַנגער פאַלמע.

ער איז געווען דין, שלאַנק און בויגיק, און אויסגעקוקט העכער, ווי ער איז געווען. אַן אַליוון־קאָליר פּנים מאָדעלירט פון אַ מייסטער, וואָס איז פאַרליבט אין דער שיינקייט. צווי פייערדיקע, שוואַרצע אויגן, און אַ קויל־שוואַרצע טשופּרינע, וואָס האָט זיך געקרויזט און געכוואַליעט, ווי אַ פאַר־ליבט ווינטל וואָלט זיך אין זיי באַזעצט און זיי נישט געוואָלט פאַרלאָזן.

— צוויט, — האָב איך געטראַכט וועגן אים אין מיינע מחשבות און גע־וואָרט אויף די פרוכטן.

— ווי וועלן אויסזען, און וואָס פאַר אַ טעם וועלן האָבן זיינע פרוכטן, ווען זיי וועלן רייף ווערן? — האָב איך ביי זיך געפרעגט.

ג.

אין דעם קלאָג־ליד אויף זיין פאַרלוירענעם עלטערן ברודער פרעגט מאַטעס אַליצקי:

בײ װעמען איז דײן ליד געבליבן, —\
דאָס גרױסע ליד, װאָס האָסט נישט אָנגעשריבן?

אַט אַזוי פרעגט ער, און ער ענטפערט זיך אַליין אין זיין טרויער:

איך װעל דאָס זוכן צװישן פלאַמען,\
װאָס האָבן דיך אין רױטע לײלעכער געװיקלט.\
בײ װינטן װעל איך פרעגן, —

זיי האָבן דיך געוויגט אין אונטיקער תליה,
ווי עס וויגט אַ פּיצל קינד אַ מאַמע.
איך וועל מאָנען ביי די ווענט,
וואָס האָבן דיינע טריט אַריינגעזאַפּט, ווי הייסע שקיעה.

זאָל ער פרעגן און מאָנען! פרעגנדיק און מאָנענדיק, וועט ער, לאָמיר האָפן, זיך דערשלאָגן צו דעם גרויסן ליד, וואָס ברוך האָט נאָך נישט באַוויזן אויפצושרייבן. אָבער ווען ער וועט זיך צו דעם דערשלאָגן, וועט דאָס שוין זיין זיינס, און נישט ברוכס, ווערמענס פאַרמעגן עס קאָן שוין נישט פאַרמערט ווערן דורך אים אַליין.

אָבער, וואָס איז דאָס אַזוינס דאָס גרויסע ליד?

גרויס אין פאַרנעם? גרויסע טעמע? גרויס אין דער גאַנצקייט דורך אינערלעכער שלימות?

נו, יאָ. אוודאי איז דאָ גרויסקייט אין אַט די אַלע אויסגערעכנטקייטן. אָבער איך קען ווערק סיי אין דער יידישער און סיי אין דער וועלט־דיכטונג, וואָס האָבן אין זיך אַט די אַלע דריי, נאָר איין גרויסקייט פעלט אין זיי, און זי איז די גרויסקייט פון ליד גופא.

אַזאַ שלל פון ליד איז דאָ אין דעם קליינעם פאַרמעגן, וואָס ער האָט אונדז איבערגעלאָזט:

פּעאַדאַסיע, אַט די פון סאַלאָוויטש,
איז געגאַנגען צום ברונעם מיט אַ ליידיקן עמער
און מיט פולע, אַנגעקוואָלענע בריסטן,
פאַרקאַרקעוועט מיט ברוינע קאַריקעס
אין פאַזוכע.

ווען זי האָט אַרויסגעצויגן דאָס עמער מיט וואַסער
מיט נאָך אַ פּעאַדאַסיען, ווי זי,
מיט אַ קייַלעכדיקער זון אויפן דנאָ,
ווי אַ גאָלדענער מעדאַל פונעם אָפענעם הימל־טייסטער, —
האָט זי זיך פלוצעם צוגענאַגלט
צום אייגענעם שאָטן אויף דער ערד,
ווי צו אַ צלם,
און פאַרלוירן די שווערסטע און גרינגסטע פון אַלע משא׳עס
דאָס קינד פון איר לייב.

איז געקומען די ליכטיקע מאַריע פון פּאַטשייעוו
אין געשטאַלט פון יוני־ווינט,
פאַרהויבן די ספּודניצע,

און צוגעדעקט איר פּנים,
זי זאָל זיך נישט שעמען פאַר דער הוז,
וואָס ליגט אייער אויפן סטויג אין שייער,
און מיידט אויס פונקען פון מענטשלעכן אויג.

אַזוי פּשוט, איז פּעאַדאָסיע פונעם וואָלינער דערפל סאָלאָוויטש מיט אירע פאַרקאַרקעוועטע בריסטן אין איר פאַזוכע, און אַזוי פיל וואונדער־לעכקייט פון ליד אין אָט דער פּשטות.

בישטאָ קיין גרעסערער פאַרנעם אין דעם פאַרמעגן, וואָס ער האָט אונדז איבערגעלאָזט. אַפילו די ביז גאָר ברייטע שורות, וואָס זיינען געפלאָסן פון אים, זיינען נישט געגאַנגען ווייטער פון זיין אייגענעם האָריזאָנט איבער אים, און געענדיקט האָבן זיי זיך צוזאַמען מיט די ערד־דעסיאַטינען, וואָס זיין אויג האָט פיזיש געזען, אָבער דערפאַר זיינען אָט די שורות ביי אים אַזעלכע שפּע־דיקע, ווי עס זיינען די ערד־דעסיאַטינען אונטער יענעם האָריזאָנט.

ווי קרענעצעס מיט ראָסע דיינע פים די באָרוועסע, גיטאַרעס בלויע
שפּילנדיקע — דיינע אויגן.
אויב נישט פאַר דיר, פאַר וועמען־זשע דאָס שווימענדיקע עמערל
מיט האָניק אין די רוימען?
אַ מויד באַהאַנגענע מיט צויטן פלאַקסענע ביז לענד, די ליכטיקסטע
פון די וואָלינער זוימען, —
ווער וואָלט נישט וועלן זיין אַ שאָטן פון דעם בלויען ווינט, וואָס
איז צו דיינע ליפּן צוגעפלויגן!

— צוויט! — האָב איך געטראַכט אין מיינע מחשבות, ווען איך האָב אים דאָן באַגעגנט פּנים אל פּנים אויף מיין באַזוך אין טריסק.

אַ סך, אַ סך פונעם צוויט איז דאָ אין דער ירושה, וואָס ער האָט אונדז געלאָזן, אָבער אַ היפּשער טייל פון יענעם צוויט איז שוין פון יענער צייט אָן אין פרוכטן איבערגעגאַנגען, און אַזעלכע דופטיקע, געשמאַקע פרוכטן זיינען זיי!

עס זיינען די פרוכטן פון דער ערד אין ווייס־רוסלאַנד, אין דער ליטע, וואָס ער האָט שפּעטער באַזוכט, אָבער דער עיקר זיינען זיי פון זיין אייגענער וואָלינער ערד אויף וועלכער ער איז געבוירן געוואָרן, זיך אויפגעהאָדעוועט און געלעבט דאָס מערסטע פון זיין קורץ לעבן.

ד.

אין דער ירושה וואַרפט זיך אין די אויגן הויפּטזאַכלעך דאָס דאָרף מיט די פעלדער, וועלדלעך, טייכן אַרום דעם, און זייער ווייניק דאָס שטעטל.

דאָס אייגענע אויך, ווען ער האָט אויף אַ קורצער צייט געלעבט אין ווייס־רוסלאַנד און אין ליטע.

ווייניק פון די גרויסע שטעט, און ווייניק אַפילו פונעם אייגענעם געבורט־שטעטל.

בלויז צוויי לידער: „בערל דעם גלעזערס" און „בערטשעק גייער" און מער ניטאָ?

דער שליסל צו דעם ליגט אין זיין ביז גאָר אינטערעסאַנטן־רינג „אין געראַנגל מיט די זיידעס".

צו שווער איז געלעגן אויף די אַקסל פון אָט־דעם רעוואָלטירנדיקן בחור די לאַסט פון זיינע זיידעס, וואָס האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט דאָס שטעטל, און אין געראַנגל מיט זיי, האָט ער זיך געראַטעוועט אין דער פרייקייט פונעם דאָרף.

מיין בלוט איז אויסגעמישט מיטן בלוט פונעם פשוטן פויער,
און עס זינגט אין מיר דאָס ווילדע געזאַנג פון די טייכן.

זיין ווייטיק צעאַקערט מיין הארץ, ווי דער אַקער זיינע פעלדער,
באַזאַמענדיק עס מיט ווילדע זאַמען,
און זיין פרייד צעפלאַקערט זיך אין מיינע אויגן,
ווי ראָזע זריעה־שיין אין שייבעלער פון כאַטעס.

עס פלאַטערן מיינע טעג ראַשיק און פיל־פאַרביק,
ווי זונטיק די סטענגעס אויף פלייצעס פון טאַנצנדיקע שיקסעס,

עס באַדט זיך מיין קאָפּ, אַ לאַנד מיינס, אין דיינע ווינטן, ווי אַ וואַלד,
ווען איך מעסט מיט מיינע פיס דיינע דאָרפישע שליאַכן.

אין בין־השמשות־צייט ציען זיך אומעטן פון מיינע לידער,
ווי נעפּל־לייַלעכער פון דיינע שלווהדיקע לאַנקעס.

אין ברוך אַליצקיס דאָרף־לידער איז דאָ דער וואָלינער פּייזאַזש מיט אַלע זיינע שיינקייטן און חנען, איז דאָ די וואָלינער מויד, דער וואָלינישער יינגל.

וואָס איז דער חידוש, וואָס ער, מיט זיין גרויסער ליבשאַפט צום דאָרפישן פּייזאַזש, האָט זיך דערפילט אַזוי עלנט אין אַ שטאָט ווי וואַרשע?

מאַרשאַלקאָווסקע, מאַרשאַלקאָווסקע!
דיין נאָמען איז קלינגעוודיק און שיין,
דיין לייב שמעקט מיט מוזיק, מיט טענער, מיט פּאָעזיע,
נאָר די נשמה פונעם טריסקער דיכטער
שרייט נאַקעט ביי דיר אויפן דאַך.

צו מיין אָנקומען אין 1929 קיין פוילן האָט מיך באַגעגנט זיינס אַ ליד אין די „ליטעראַרישע בלעטער", וואו ער האָט מיך געבעטן איך זאָל לאָזן דעם וואָלינישן ווינט אָפּשטויבן מיינע ניו־יאָרקער, משוגענע אָפּצאָסן.

— וואָס פאַר אַ משוגעת איז דאָס אויף מיינע אָפּצאָסן ? — האָב איך אים געפרעגט, ווען מיר זיינען געווען צוזאַמען אין שטעטל.

— אייערע שיך זיינען דאָך ניו־יאָרקישע, — האָט ער מיר געענטפערט, און דערביי שטאַרק באַטאָנט :

— וואָס דען אַנדערש איז אין אַזאַ ריזן־שטאָט, ווי ניו־יאָרק איז ?

אין דעם זעלבן טאָג בין איך געזעסן מיט זיין עלטערן ברודער, לייבל אַליצקי אין דרויסן פון דער יידישער קינדער־שול פון וועלכער ער איז געווען דער דירעקטאָר, און אויף מיין באַמערקונג, אַז ברוך איז אַ זייער טאַלאַנטירטער דיכטער, האָט ער שמייכלענדיק געשאָקלט מיטן קאָפּ און דערביי געזאָגט :

— סע וואַקסט נאָך אַ יינגערער !

איך האָב פאַרשטאַנען, אַז ער האָט געמיינט מיט זיינע ווערטער דעם מוזיניק מאָטעס.

— אַ גאַנצער דריילינג אין איין משפחה ! — האָב איך זיך אָנגערופן און געפרעגט :

— וועט ביי מאָטעסן אויך זיין אַזאַ קילקייט צום שטעטל ?

— איר מיינט ?

דאָס מאָל האָב איך געמיינט לייבל אַליצקיס צוויי ביכער „דאָס אָקופּירטע שטעטל" און „בלויע פלאַמען", — ביכער וויכטיקע סיי אין דער טעמאַטיק און סיי מיט דער קינסטלערישקייט אין זיי, אָבער פון וועלכע עס האָט געשלאָגן מיט אַזאַ שנאה צום שטעטל.

לייבלס טונקל־אויסגעבלייכט פּנים האָט אַ ציטער געטאָן און זיינע שוואַרצע אויגן האָבן זיך צעפלאַמט דורך זיינע ברילן :

— איר זענט פון דערווייטנס, איז דערפאַר דאָס שטעטל פאַר אייך פול מיט ראָמאַנטיק, אָבער מיר דאָ ?

אין זיין וואָרט „מיר" האָט ער כולל געווען דעם גאַנצן דריילינג פון דער אַליצקי־משפחה.

ה.

איצט זיינען פון די דריי געבליבן צוויי, איז אַ טרייסט, וואָס אָט די צוויי זיינען דאָ.

מאָטעס זאָגט, אַז ער וועט זוכן ברוכס נישט־אויפגעשריבן גרויס ליד אין די פלאַמען אויף דער חרובער ערד. מיר זוכן דאָס אַלע, פּונקט ווי מיר זוכן די אַלע נישט־אויפגעשריבענע גרויסע לידער פון די אַנדערע יידישע

קינסטלער, וואָס דער גרעסטער שטורעם אין אונדזער געשיכטע האָט איינ־געשלונגען, פונקט ווי מיר זוכן דאָס נישט־אויסגעלעבטע לעבן פון די זעקס מיליאָן אונדזערע קדושים.

— האָסט געזען ברוכן ? — האָט ביי מיר געפרעגט מיין יינגערער ברו־דער א. ל. אויוונטאַל, ווען איך בין צוריק געקומען קיין ניו־יאָרק.

— געזען, — האָב איך געענטפערט, באַווייזנדיק אַ פּאָר פיינע שטיווע־לעך, וואָס איך האָב מיטגעבראַכט.

— וואָס זיינען דאָס פאַר אַ שטיוועלעך ? — האָט מיין ברודער לאַכנדיק געוואָלט וויסן.

— אַ מתנה פון ברוך אַליצקיס שיך־קלייטל אין טריסק.

— שטיוועלעך גאָר ? — האָט מיין ברודער זיך געוואונדערט.

— שרעק זיך נישט, איך האָב מיטגעבראַכט אין זיך זיין ליד, אָבער די שטיוועלעך האָבן אַ שייכות.

— סתרי־תורה ? — האָט מיין ברודער געשפּאָסט.

— ניין, פשוטער פשט, — האָב איך געזאָגט, און דערציילט וועגן דער משוגעת, וואָס ברוך האָט געזען אין מיינע ניו־יאָרקישע אָפּצאָסן.

מיין ברודער אברהמטשיק, וואָס האָט געשריבן זייער טאַלאַנטפול, אונ־טערן נאָמען א. ל. אויוונטאַל, האָט עס באַנומען און ערנסט געזאָגט:

— אַ פּאָר שטיוועלעך פון אַ דיכטער אין טריסק גופא קאָנען באמת עפּעס מיינען.

איצט איז נישטאָ מיין ברודער, ווי עס איז נישטאָ דער ברודער פון לייבלען און מאַטעסן.

צוויי יונגע קינסטלער, וואָס זיינען געווען טריסק אין זייער וואָרט, אַפילו ווען זיי האָבן געניצט דאָס זעלבע וואָרט פאַר עפּעס אַנדערש אין זייער שאַפן.

דאָס אָרט פון מיין ברודערס קבר ווייס איך, און ברוכס אָרט איז אין זיין ירושה, וואָס ליגט איצט פאַר מיר און וועט איבערגענומען ווערן פון אַלעמען, ווען דאָס עכטע יידיש־קינסטלערישע וואָרט איז נאָענט און אייגן.

ז. ווײַנפּער

דער האָפּערדיקער ברוך אַליצקי

עס געדענקט זיך זייער גוט דער ערשטער און די ווײַטערדיקע
פלוצימדיקע אָנפליען קיין וואַרשע פון אָט דעם יונגעטשקן און דער־
נאָך יונגן טריסקער דיכטער ברוך אַליצקי, דער ייִנגערער ברודער פון
דעם באַוואוסטן דערציילער לייב אַליצקי. וויפל אַרויסרופעֿנישס און
ייִנגלש־חוצפּהדיקס איז געווען אין אים, נאַטירלעכס און אויך אַרויפֿ־
געצויגנס! אַליין איז מען דאַן געווען אין די עטלעכע און דרײַסיקער,
ווײַט נאָך נישט קיין „זקנים", אָבער דאָך שוין מיט אַ הינטערגרונט
פון אַ צען־פופצן יאָר ליטעראַליש־אַרויסגעבערישע טעטיקייטן און שוין
„באַיאָרטע תּושבֿים" אין דער ייִדישער ליטעראַרישער וועלט.

די גרופּע ייִדישע דיכטער, וואָס האָט געהאַלטן ערשט אין רעכטן
פאַנאַנדערוואַקסן זיך — ז. סעגאַלאָוויטש, משה קולבאַק, פּרץ מאַרקיש,
א. צ. גרינבערג, דוד קעניגסבערג, בער האָראָוויץ, משה בראָדערזאָן,
מלך ראַוויטש, אהרן צייטלין, קאַדיע מאָלאָדאָווסקי, אברהם זאַק, ישׂראל
שטערן און די אַלע אַנדערע, וואָס האָבן זיך באַוויזן נאָכן ערשטן וועלט־
קריג, אין די יאָרן 1917־1925, האָבן שוין, צוליב דעם ראַשיקן און
אומגעהויערן וואוקס פון דער ייִדישער ליטעראַטור אין פּוילן, געהערט
צום „עלטערן" דור דיכטער און שוין געהאַט פאַרנומען זייערע אומ־
באַשטרייטלעכע פּאָזיציעס אין דער ייִדישער דיכטונג. און גלײַכ־
צײַטיק מיטן רײַף ווערן פון אָט דעם „עלטערן" דור האָבן זיך גענומען
אַרויסרוקן פון אַלע זײַטן נײַע זינגער, נײַע דיכטער.

ווי גליקלעך איז מען געווען, וואָס „חדשים לבקרים", וואָס יעדן
פרימאָרגן האָט זיך באַוויזן עמעץ אַ נײַער, אַ פרישער, ערשט „פון
דער נאָדל אַרויס" און געבראַכט זײַנע בכורים, די ערשט־רײַף־גע־
וואָרענע און אָפטמאָל נאָך אומצײַטיקע דיכטערישע פּרוכט פונעם איי־
גענעם גאָרטן און שייער. סאַר אַ פריידיקע צײַט, וואָס ערשט איצט,
אַ פינף און צוואַנציק יאָר נאָך דעם ווי עס איז געווען און געשען,
און בעיקר — ביי דער היגער, אַמעריקאַנער־ייִדישער אומגערעטעניש,
קאָן מען עס ווי געהעריק שאַצן און אָפּשאַצן!

און אָט אין איינעם אַ שיינעם טאָג איז אַרײַנגעקומען שטאָלץ און
ווירדיק, מיט אַ חנעוודיקער און אימפּאָנירנדיקער זעלבסטהאַלטונג אַ
שיין, טונקל־הויטיקער בחור, מיט זיכערקייט און פאַרליבטקייט אין זיך
און דערלאַנגט אַ בינטל פריש־צאַפּלדיקע בלעטלעך פונעם אייגענעם
דיכטונג־בוים. די צעשויבערטע האָר מיט דער פאַרריסענער טשופּרינע
אַלאַ מאַרקיש און די טיפע בלוי־גרויע אויגן און דאָס אָפענע צעכראַ־
סעטע העמד — אַלץ האָט עדות געזאָגט, אַז עס איז צוגעקומען אַ וואוי־
לער „יאַט", אַזאַ וואָס ווייסט שוין אַפריער זײַן אייגענע ווערט און וואָס
פאַרמאָגט שוין אַן אייגענע שטימע אין זײַן געזאַנג.

און טאַקע אין דעם נאָענטן נומער „ליטעראַרישע בלעטער" (פונעם
7־טן אויגוסט 1925) האָבן מיר פאַרעפנטלעכט זײַנס אַ ליד מיטן נאָמען

„מיין בלוט איז אויסגעמישט" און צוליב חשיבות וועגן — געגעבן עס מיט דיקן פעטן שריפט — און מיטן נאָמען ברוך אַליצקי. און הערט נאָר די ווערטער פון דער ערשטלינג־ליד, וואָס עס איז געווען אַ גוטער אַטעסטאַט, אַז דאָס יונגע וואָלינישע בחורל רעדט דיבורים, אַז ער האָט וואָס צו זאָגן און ווייסט ווי צו זאָגן:

„מיין בלוט איז אויסגעמישט מיטן בלוט פון פשוטן פויער,
און ס'זינגט אין מיר דאָס ווילדע געזאַנג פון די טייכן.
זיין חייטיק צעאַקערט מיין האַרץ, ווי דער אַקער זיינע פעלדער,
באַזאָמענדיק עס מיט ווילדע זאָמען,
און זיין פרייד צעפלאַקערט זיך אין מיינע אויגן
ווי ראָזע זריחה אין די שייבלעך פון זיינע כאַטקעס.
ס'פלאַטערן מיינע טעג ראַשיק און פילפאַרביק,
ווי ס'פלאַטערן זונטיק די סטענגעס אויף די פלייצעס פון די טאַנצנדיקע שיקסעס.
ס'באָדט זיך מיין קאָפּ האָר, אַ לאַנד מיינס, אין דיינע ווינטן ווי אַ וואַלד,
ווען כ'מעסט מיט מיינע פיס דיינע דאָרפישע שליאַכן.
און בין־השמשות־צייט ציען זיך אומעטן פון מיינע גלידער,
ווי די נעפלדיקע ליילעכער פון דיינע שלווהדיקע לאָנקעס".

דער יונגער ברוך אַליצקי איז גלייך אַריינגעטראָטן אין דער יונגער זינגער משפחה פון פוילן. גלייך ווערט ער אָנערקענט, פון קריטיקער און לייענער, ווי אַ ווירדיקער פאַרזעצער פון זיינע עלטערע וואָלינישע דיכטער — ח. נ. ביאַליק, אשר שוואַרצמאַן, פּרץ מאַרקיש, ז. וויינפּער, קלמן ליס, מיט וועלכע ער רופט זיך איבער אויף אַן אייגנאַרטיקן אופן און שטייגער, אָבער מיט פיל ענלעכקייט אינעם געזאַנג, אינעם איבער־פלוס פון ליבשאַפט צו דער נאַטור, צום געזונטן וואָלינישן לעבן.

אין 1927 ברענגט ברוך אַליצקי זיין גרעסערן „געזאַנג צום וואָלינער פויער" — פולבלוטיקע, יאַדערדיקע פופצן סאָנעטן, וואָס צייכענען זיך אויס מיט זייער טיפער פאַרגאַפונג, מערקווירדיקער גבורה, קאָליר־פולע שילדערונגען און ליידנשאַפטלעכע געמעלן, וואו מענטש און נאַ־טור, וואָר און וויזיע מישן זיך אַזוי פרעכטיק צונויף.

סאַר אַן עשירות פון בילדער, סאַר אַ שפע פון מעטאַפאָרן, סאַר אַ רחבות פון שילדערונגען! און דער כסדרדיקער געשפּיל פון אַרויפן־אַראָפּן, פון שאַרפע קאָנטראַסטן, פון בונטן שימער! וואָס אַ שורה — אַ געמעל, וואָס אַ שורה — אַן אימאַזש! און דערצו אָנגעלאָדן מיט טיפן אומרו און דרייסטן בונט, וואָס רייסט זיך פונעם שטייגער־לעבן, פונעם סאָציאַלן אומרעכט. דער דיכטער גופא ווערט ווי פאַרכלינעט פון די בילדער, פון די פאַרגלייכן, וואָס רייסן זיך פון זיין האַרץ און זוכן אַן אויסוועג אין די ברייטע שורות, וואָס זענען גאָר נישט אימשטאַנד אויס־צודריקן דאָס אַלץ, וואָס עס ווילט זיך זאָגן און מאָלן, — אַזוי שטאַרק איז דער שטראָם, דער איבערפלוס. אין די לידער האָבן מיר התפעלות־אויסרופן, וואָס הויבן זיך אָן מיטן באַגייסטערונג־אויסרוף „אָ", וואָס דערמאָנט טאַקע אָן פּרץ מאַרקישן.

און אַזוי האָט דערנאָך דער יונגער ברוך אַליצקי געוואַנדערט, ווי

אַ יידישער לערער, געוואַנדערט פון זיין וואָליניש שטעטל טריסק קיין וואַרשע, ווילנע, דרויע, מעזריטש, זשעטל, יאַגעלינע און געזונגען לידער, געדיכטעט געזאַנגען מיט פולער שטימע, פון ברייטן האַרצן צו דער נאַטור, צו טייכן, צו וועלדער און פעלדער, צו פויערן און שיקסעס, צו זייער פרייד און לייד, און אויך צו זיך גופא, צו זיינס גלייכן און מיט דער צייט — אויך צו יהואָשן, וויינפּערן, פּרצן, פון וועלכע ער האָט געצויגן יניקה, דערהויבן געוואָרן און זיך איבערגערעדט מיט זיי אויף זיין דיכטערישן באַהאַרצטן לשון אין ספּעציעלע טיף־רירנדיקע לידער. און הגם פון איין שניט, אָבער אַנדערש זענען די פריערדיקע האָפערדיקע לידער־סאָנעטן צום וואָלינער פויער פון זיינע שפּעטערדיקע האַרטע־האַרבע גרוי־טרויעריקע קנאַכעדיקע לידער „ביי דער דווינע", — דער טייך אין ווילנער געגנט, וואָס גרענעצט פּוילן מיט לעטלאַנד.

אין 1930 האָבן מיר אין די „ליטעראַרישע בלעטער" געמאַכט אַ מין „סמאָטר" (איבערקוק, פּראָבע, עקזאַמען) פון די יונגע יידישע דיכטער אין פּוילן. אין אַ נומער, ספּעציעל געווידמעט דער יונגער יידישער דיכטער אין פּוילן. האָבן מיר אינעם לייט־אַרטיקל געפרעגט: „האָבן מיר אַ יונגע יידישע דיכטונג אין פּוילן? ווי זעט זי אויס, וואָס פאַר אַ כאַראַקטער האָט זי, אונטער וועמעס השפּעה לעבט זי און וואַקסט, וואָס פאַר אַ פּראָבלעמען און מאָטיוון ברענגט זי צום אויסדרוק, וואוהין גייט זי?" ווי אַן ענטפער אויף די־אָ פראַגן, וואָס איך האָב געשטעלט אין מיין אַרטיקל, זענען אינעם זעלבן נומער געבראַכט געוואָרן ניינצן לידער פון פאָלגנדיקע ניינצן יונגע יידישע דיכטער (לויט אלף־בית): ברוך אָליצקי, ישראל אשענדאָרף, נחום באָמזע, מ. בערשלינג, הירש גוטגעשטאַלט, ש. וואולמאַן, יצחק יאַנאַסעוויטש, קלמן ליס, ב. מרדכי, מ. נאַטיש, רקודה פּאָטאַש, י. פּאַפּערניקאָוו, יצחק פּערלאָוו, נ. פּערסקי, חיים לייב פוקס, יעקב פרידמאַן, יוסף רובינשטיין, יעקב שודריך, ש. ל. שניידערמאַן. אייניקע פון די דיכטער האָבן צוגעגעבן אַ קורצן דיכטערישן „אַני מאמין". אגב, איז די צאָל יונגע דיכטער אין פּוילן געווען ווייט אַריבער זעכציק, — אין דעם נומער פון יאָר 1930 „ליט. בלעטער" איז געווען פאַרטראָטן קוים אַ דריטל פון דער צאָל יונגע דיכטער.

מיר ברענגען דאָ ווייטער ברוך אָליצקיס פּאָר ווערטער וועגן זיך:

„מיין צוגאַנג צו דיכטונג: אַלץ וואָס שמעקט מיט ערד און געזאַנג. און אַלדאָס איבעריקע איז פאַר מיר, ווי פליענדיק שפּינוועבס אין אַ זוניקן טאָג. ס'איז שיין, אָבער נישט מער ווי שפּינוועבס. דעם אמת געזאָגט האָב איך נאָך אַליין געגוג פליענדיק שפּינוועבס".

און ווייטער: „אַלץ שטאַרבט און פאַרגייט, בלויז די ערד איז געווען די אייביקייט און וועט זיין די אייביקייט... — — איך האָב פיינט בתכלית השנאה די שטאָט. איך האָס די פילשטאָקיקע מויערן, ווייל פון הינטער זיי הער איך דעם וויינענדיקן פּראָטעסט פון געוויקסן, וואָס דערלעבן ניט דאָס לעבן..."

און לסוף גיט צו ברוך אָליצקי צוויי טשעקאָווע שורהלעך, וואָס זענען זייער כאַראַקטעריסטיש פאַרן האָפערדיקן און אָנגרייפערישן דיכטער, וועמען מ'האָט געהאַט פירגעוואָרפן, אַז ער געפינט זיך אונטער דעם

באַזונדערן איינפלוס פון פּרץ מאַרקיש: „וואָס שייך דער פאָרם — זאָגט ער — האָט מאַרקיש געלייגט אויף מיר זיין חותם. איך קלער אָבער, אַז מיינע לידער זענען געפרעסטער".

און אָט מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער, אין 1934, דרוקט ברוך אַליצקי אָפּ אַ ליד אין „ליט. בלעטער" מיטן נאָמען „אין וואַרשע", וואָס גיט אונדז איבער, ווי דער וואָליניש־טריסקער פּאָעט פילט זיך אומהיימלעך אין דער גרויסער שטאָט. אַנשטאָט די פריערדיקע ברייט־שורהדיקע, ברייט־אָטעמדיקע שורות, האָבן מיר איצט אָפּגעהאַקטע, קורץ־אָטעמדיקע שורהלעך אין וועלכע ס'פילט זיך אומצופרידנקייט.

אין די שטאָט־לידער האָבן מיר דעם בונט, דעם פּראָטעסט פון אַ יעסעניִן קעגן דער שטאָט, דעם בונט און פּראָטעסט, וואָס רייסט זיך אַרויס ביים דיכטער, דעם דאָרפסיונג. יעדנפאַלס, ווען פ. מאַרקיש האָט קרובהשאַפט צו מאַיאַקאָווסקין, האָט ב. אַליצקי געהאַט מער נאָענטקייט מיט יעסעניִנען. עס איז דער אונטערשייד פון שטאָט און דאָרף, פון סאָציאַל־פּאָליטישער טעמאַטיק און נאַטור־שילדערישן און לירישן שטאָף.

פון זאָטן וואָלין צו דער אָרעמער ליטע — דאָס איז געווען דער גאַנג פון ברוך אַליצקי אין לעבן און אויך דער גאַנג פון זיין יונגער דיכטונג, וואָס איז שטענדיק געווען די טרייע באַגלייטערין פונעם דיכטער. אים קומט אויס שפּעטער צו לעבן און צו „קנעלן" אין דער פאַראַרעמטער ווילנער ליטע, אין ליטווישע און ווייסרוסישע פאַרחושכטע שטעטלעך און דערפער. און ווי אַנדערש עס זעט אויס זיין ליד „פרילינג" (1937), סאַר אַ טיף־טרויעריקע מאָטיוון, וואָס זענען פאַר־בונדן מיט דער אַרומיקער אָרעמער לאַנדשאַפט און דערדריקטער סביבה. אָט אַ פּאָר שורות:

> „עס גייען דיר אַנטקעגן שטעטעלעך ווייסרוסישע אַצינד מיט עמער ליידיקע ביז דנאָ:
>
> אויף גרעבליעס שטייגט די אַרבעטסלאָזיקייט ווי אַ ברויזיקער געוויסער מיט פינע אויפן מויל
>
> ביי פריזבעס וואַקסן הונגעריקע קינדערלעך ווי קוסטעס קראָפּיווע מיט ברייניש אין הויט
>
> און שפּיצלען געסטיקן זיך איינעט ווי לישייעס און ווי ווערים טונקעלע, קלעפּיקע אין וואַנט און ביי קלאָזעט".

און אויב דער אָרום גיט נישט קיין פרייד, קיין אויפלויכטונג, אויב אַלץ פרעסט און דריקט דאָס געמיט, לויכטן אָבער אָפּט אויף ביים יונגן דיכטער העל־מונטערע און טיפע זעהונגען־געזאַנגען, וואָס קומען פון אינעווייניקסטער אידעאישער שפע, פון אייגענער גייסטיקער עשירות. דער דיכטער האָט געגעבן טיפע לידער, געזאַנגען, ווי „דער טרעגער", „יהואש" און לסוף — „פּרץ", וואָס ער האָט אויסגעדיכטעט די לעצטע פּאָר יאָר פון זיין קורץ און יונג־פאַרשניטענעם לעבן.

ערגעץ־וואו האָבן די דייטשע מערדער אים פאַרפייניקט צוזאַמען מיט די אַלע אַנדערע יידן פון וואָלין, ליטע, ווייסרוסלאַנד. און „ולא ידע איש את קבורתו", — מען ווייסט נישט וואו זיין געביין איז אַהינגעקומען.

זאָל די דייטשע הענקערס נישט געשענקט ווערן אויך דער מאָרד פון דעם טייערן יאָט, פונעם באַהאַרצטן דיכטער ברוך אַליצקי!

נחמן מייזיל